STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12050

FUN ASIMILATSYE BIZ POYLE TSIENIZM

Chaim Zhitlowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. ת. זשיטלאָווסקי:

פון אסימילאציע
ביז פועלי ציוניזם

די אַנטוויקלונגס-עפּאָכען פון דעם
אידיש-סאָציאַליסטישען געדאַנק.

1919

פאָרוואָרט

די פאָרליגענדע בראָשורע איז אַ באַאַרבייטונג און — איז אייניגע פונקטען — ברייטערע אויספיהרונג פון יענע געדאַנקען, וועלכע איך האָב אונטער דעמזעלביגען נאָמען פאַרעפענטליכט אין דעם „אידישען קעמפפער", אין די ערשטע דריי נומערען פון דעם „רויטען" חודש (סעפטעמבער 1918), — דעם חודש, וועלכע די פאַרטיי האָט באַשטימט פאַר אַ פעלד־צוג צוליעב נייע מיטגליעדער.

אויך אין דער ברייטערער אויספיהרונג פרעטענדירט ניט מיין קליינע ארבייט אויף קיינע אנדערע ציעלען, ווי נאָר אויף ריין פראָפאַגאַנדיסטישע.

זי וויל אין אַ באַשטימטער פאָרם געבען אַן ענטפער אויף דער שאלה, פאַר וואָס מען זאָל זיך אָנשליסען אָן דער פאַרטיי.

די פאָרם פון דעם ענטפער איז אַ קורצער איבערבליק איבער די פיער וויכטיגסטע ריכטונגען, אין וועלכע עס געהט זיך פאַנאַנדער דער אידיש־סאָציאַליסטישער געדאַנק: די אַסימיליאַטאָרישע, די גלות־נאַציאָנאַליסטישע, די ריין טעריטאָריאַליסטישע און די פועלי־ציוניסטישע.

אין מיין פרעזענטירונג קומען די פיער ריכטונגען אַרויס ווי פיער אַנטוויקלונגס — עטאַפען פון איין און דעמזעלביגען געדאַנק, — עטאַפען, פון וועלכע יעדע שפעטערע איז אַ קריטישע רעוויזיע פון דער פריהערער און אין דערזעלביגער צייט אַ באַרייכערונג פון איהר אינוועניגסטען מהות און אינהאַלט.

מען וואָלט דעריבער אפשר געקאָנט מיינען, אַז אַט די אַנטוויקלונגס־עטאַפען שפיעגלען אָפּ אויך דעם ווירקליכען היסטאָרישען גאַנג פון דער אידישען סאָציאַליסטישער ב א ו ו ע ג ו נ ג.

וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין געוויסע פּאַרטייען און אָרגאַני־זאַציעס.

מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז די אַסימיליאַטאָריש־סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען האָבען איינגעזעהען די באַגרענציטקייט און איינזייטיגקייט פון זייער שטאַנד־פּונקט און זייער פּראָגראַם און האָבען, נאָך אַ גאַנצע שורה פון אינווענייגסטע קאַמפען, זיך פאַר־וואַנדעלט אין אַ גלות־נאַציאָנאַליסטישער, און אַז דערנאָך איז אַט די געאייניגטע גלות־נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי געגאַנגען ווייטער אויף דעמזעלביגען וועג פון אלץ ווייטערע גייסטיגע נצחונות, ביז זי האָט דערגרייכט איהר העכסטען אַנטוויקלונגס־עטאַפּ אין דעם פּועלי־ציוניזם.

אין דער אמת׳ען וואָלט אַזאַ מיינונג געווען אַ היבשער טעות: אין דער ווירקליכקייט שטעלט אונז פאַר די געשיכטליכע ב אַ ־ וועגונג פון דעם אָרגאַניזירטען אידישען סאָציאַליזם אַ גאַנץ אַנדער בילד.

פריהער טרעט אַרויס אויף דעם פעלד פון דער עפענטליכער טעטיגקייט דער אַסימיליאַטאָרישער סאָציאַליזם אין דער אידישער אַרבייטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד און אַמעריקע.

דער נאָך וואַקסט אויס אַ אידישע סאָציאַליסטישע אַרבייטער באַוועגונג אין רוסלאַנד און פּוילען אין דער פאָרם פון דעם האַלב־אַסימיליאַטאָרישען אָדער נאַציאָנאַל־אינדיפערענטען „בונד“.

אין אַ ווייטע אַרום וואַקסען אויס אין דעם אַלגעמיינעם ציוניזם גרופּען פון אַרבייטער און אינטעליגענטען, וואָס פאַרבינדען דעם ציוניסטישען אידעאַל מיט אַ זעהר נעפּעלהאַפטען סאָציאַליזם. פון זיי העסטילירט זיך אַרויס די פּועלי־ציוניסטישע ריכטונג, וואָס שפּאַלט זיך דערנאָך פאַנאַנדער אין אַ ריין פּועלי־ציוניסטישע, אַ ריין טעריטאָריאַליסטישע און אַ גלות׳יסטיש־טע־ריטאָריאַליסטישע, אָדער „סיימיסטישע“, ווי זי האָט זיך גערופען.

קיין ריין גלות־נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי אָדער גרופּע, וואָס זאָל אַרויסטרעטען אין דעם עפענטליכען לעבען, איז אין דער

אידישער גאָס קיינמאָל ניט געווען. דער איינציגער פערטרעטער פון דעם ריינעם סאָציאַליסטישען גלות־נאַציאָנאַליזם איז געווען דער שרייבער פון אָט די צײלען, וואָס האָט מינדליך און אויך שריפטליך פראָפּאַגאַנדירט זיינע ריין גלות־נאַציאָנאַליסטישע אי־דעען, פון דעם יאָהר 1885 אָן ביז צו דעם יאָהר 1903 (דעם קישי־נאָווער פּאָגראָם).

די ליטעראַרישע דאָקומענטען פון דעם ריינעם סאָציאַליסטי־שען גלות־נאַציאָנאַליזם זענען מיין רוסישע בראָשור: „יעווריי קו יעווריאַם" פון דעם יאָהר 1892 און דער אַרטיקעל „ציוניזמוס אָדער סאָציאַליזמוס?" אין דעם בונדיסטישען צענטראַל־אָר־גאַן פון 1898.

קיין אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע, וואָס זאָל זיך שטעלען אויף דעם באָדען פון מיין יעמאָלטדיגען פּראָגראַם, איז קיינמאָל ניט אַרויסגערופען געוואָרען אין לעבען, אויב מען זאָל ניט רעכענען די געפּלאַנטע גרופּע „תשועת ישראל" פון דעם יאָהר 1885, וועמען עס איז, אַ דאַנק די אומשטענדען, וואָס האָבען געהערשט אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער וועלט, ניט באַשערט געווען צו דער־בליקען די ליכטיגע שיין.

אין 1903 האָב איך אַליין איינגעזעהען די גרעניצען פון מיין ריין גלות־נאַציאָנאַליסטישען שטאַנדפּונקט און בין געוואָרען אַ טע־ריטאָריאַליסט, אָבער אַ טעריטאָריאַליסט אָן אַ ב ס ט ר אַ ק ־ ט ע ר, אויף להבא, אין פּרינציפּ; און ווען אין דעם יאָהר 1904 האָבען מיך אין אַמסטערדאַם באַזוכט צוויי יונגע ציוניסטישע־סאָציאַליסטען „בן־אדיר" און „גרשון" מיישב צו זיין זיך, צי מען זאָל בלייבען אין דער ציוניסטישער פּאַרטיי אָדער אַרויסגעהן פון איהר און אויב אַרויסגעהן, איז וואָס זאָל זיין דער צענטער פון אונ־זערע פאָדערונגען און דער לאָזונג, מיט וועלכען מען זאָל געהן צו די מאַסען, האָב איך זיי געענטפערט, אַז מען מוז אומבאַדינגט פאַרלאָזען דעם ציוניזם, גרינדען אַן אייגענע זעלבסט־שטענדיגע פּאַרטיי מיט אַ טעריטאָריאַליסטישען ענד־ציעל אויף להבא, אָבער

מיט דעם דירעקטען אנשלוס אן דער רוסישער רעוואלוציאנערער באוועגונג און מיט דער צענטראלער פאדערונג פון „א אידישען סיים“.

דאס איז אויך געווארען דער יסוד פון דער „סערפיסטישער“ אדער סיימיסטישער פארטיי, אן וועלכער איך האב מיך אנגעשלאסען.

ניט זייענדיג ארגאניזירט אין א באזונדער באוועגונג, האט אבער דער סאציאליסטישער גלות־נאציאנאליזם געשפיעלט אן אומגעהויער וויכטיגע ראליע אין דער געשיכטע פון דעם אידישען סאציאליזם. שוין ניט רעדענדיג וועגען די „סיימיסטען“ וואו ער איז געווארען די נשמה פון דער גאנצער באוועגונג, האט ער געצוואונגען דעם „בונד“ מאכען אלץ וויכטיגערע און וויכטיגערע קאנצעסיעס דעם נאציאנאל אידישער געדאנק, האט ער געצוואונגען די טעריטאריאליסטען פון רוסלאנד און אמעריקע, ווי אויך די פועלי־ציון פון רוסלאנד און עסטרייך אריינגעהמען איהם אין זייער פראגראם אין זיין גאנצען „סיימיסטישען“ פארנעהם, האט ער געבראכט דערצו, אז אויך די פועלי־ציון פון אמעריקע, — וואו דער פראבלעם פון נאציאנאלע גלייכבארעכטיגונג און פערסאנאלער אויטאנאמיע („סיים“) האט נאך דערווייל ניט קיין פראקטישען פאליטישען באדען אונטער זיינע פיס, — האבען דעם גלות־נאציאנאליזם דערהויבען צו דער מדרגה פון א נויטווענדיגען באשטאנד־טייל פון דעם פראגראם, — א באשטאנד־טייל, וואס איז גלייכבארעכטיגט מיט דעם ציוניסטישען ענד־ציעל פון דער פארטיי.

דער ווירקליכער געשיכטליכער גאנג פון דעם אידישען סאציאליזם זעהט דעריבער אויס אן ערך אזוי :

דער גלות־נאציאנאליזם איז א גייסטיגע פראווינץ, וואס ליעגט צווישער דעם אסימילאטארישען סאציאליזם פון איין זייט און דעם ציוניסטיש־טעריטאריאליסטישען פון דער אנדער זייט. אט די גייסטעס־פראווינץ ווערט ערא בערט פון ביידע זייטען.

די אסימילאטארישע סאציאליסטען, וואס זענען נאך ניט

דערוואקסען צו איהר, קלעטערען מיט גרויס מיה צו איהר ארויף און האלטען נאך (אין דעם נאציאנאלען פליגעל פון דעם „בונד“) ערשט אויפ׳ן מיטען בארג.

די פועלי־ציון און די טעריטאריאליסטען ווידער, וואס האבען גערעכענט, אז דער בארג ליעגט גאר ניט אויף זייער וועג, אז זיי קאנען דערגרייכען זייער ציעל אויף אזא וועג, אויף וועלכען פון יענעם בארג איז גאר קיין זכר ניטא; זיי מוזען זיך א ו מ ־ ק ע ר ע ן צוריק, איינגעהמען דעם בארג אין זיין גאנצען אומ־פאנג און ערשט דערנאך געהן ווייטער אין יענעם וועג, וואס פיהרט פון א י ה ם צו זייער ציוניסטיש־טעריטאריאליסטישען ענד־ציעל.

אבער אויב מיין סכעמע פון די אנטוויקלונגס־עטאפען שטימט ניט איין מיט דעם ווירקליכען געשיכטליכען גאנג פון דער אידי־שער סאציאליסטישער באוועגונג, איז ער אבער, ווי מיר דוכט, א קלארער אפבילד פון דער א י נ ו ו ע נ י ג ס ט ע ר ל א ג י ק פון דעם אידישען סאציאליסטישען געדאנק, וואס איז פארט גע־בארען געווארען אין דעם אסימיליאציאנס־פעריאד.

די וואס זענען באקאנט מיט דער געשיכטע פון א גייסטיגער אנטוויקלונג ביי א פאלק, אדער ביי א פארטיי אין איהר יוגענד־צייט, ווייסען גאנץ גוט, אז אין דעם ווירקליכען לעבען, וואו עס שטויסען זיך צענויף פארשיידענארטיגע אינדיווידוען, גרופען און אינטערעסען; וואו די פראגרעסיווע עלעמענטען מישען זיך צע־נויף און קעיטלען זיך צענויף מיט עלעמענטען, וואס האבען שוין אפגעלעבט זייער צייט; וואו נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג ע געדאנקען, וואס ווערען געבוירען אין דעם אינוועניגסטען תוך פון דער זאך, פלאנטערן זיך צענויף מיט צ ו פ ע ל י ג ע געדאנקען, וואס שטא־מען פון א פרעמדען ארום, און פארנעהמען אפט מאל די גאנצע מזרח־וואנד; וואו אינדיווידועלע איינפאלען און אפילו שגעונות מייסטערן פאר א געוויסען פעריאד דעם גאנצען גאנג פון דער אנטוויקלונג: — אז א דאנק אלע די אורזאכען ווערט — זאג איך — דער לאגישער אנטוויקלונגס פאדים צו אפט פארפלאנטערט.

דער „מוקדם ומאוחר" ווערט אין דעם ווירקליכען לעבען ניט אויס־געהאלטען שטרענג. ערשט שפּעטער ווען די אַנטוויקלונג קלערט זיך אָפּ, ווען די צושפּריצטע, בלוט־פאַרוואַנדטע גרופּען און ריכ־טונגען, גיסען זיך צענויף אין איינעם, קאָן דער היסטאָריקער אַרויסאַנאַליזירען יענעם אינוועניגסטען שכל און אַלע זיינע לאָגישע שטאַפּען, וואָס האָט באַהערשט די גאַנצע אַנטוויקלונג.

עס איז אָבער אויך ניט קיין נייעס אין אַזאַ געשיכטע פון גייסטיגע אַנטוויקלונגען, אַז איינציגע אינדיווידועןן גליקט אַמאָל אָפּ, אין זייער אייגענעם לעבען און געדאַנקען־גאַנג דורכצומאַכען כסדר אַלע שטאַפּען פון דער אַנטוויקלונג פּונקט ווי זיי וואַקסען אַרויס לאָגיש איינער פון דעם אַנדערן.

און אַזוי זענען געווים דאָ אויך אין דעם אידישען סאָציאַליזם געוויס איינצעלנע, וואָס האָבען אָנגעהויבען מיט אַ קאָנסעקווענטען אַסימיליאַטאָרישען סאָציאַליזם, זענען אַריבער פריהער צו אַ בלאַ־סען „בונדיזם", דערנאָך צו אַ קרעפטיגען גלות־נאַציאָנאַליזם, דער־נאָך צו אַ טעריטאָריאַליזם און פון דאָרטען צו דעם מאָדערנעם פּועלי־ציוניזם.

ליידער האָבען ניט פיעלע פון זיי אַרויסגעבראַכט ליטעראַ־רישע דאָקומענטען, וואָס אויף זייער סמך זאָלען מיר קאָנען אָב־יעקטיוו אויספאָרשען די לאָגישע אַרגומענטען און די אומשטענדען פון דער צייט, וואָס האָבען זיי געטריבען פון שטאַפּ צו שטאַפּ.

אָבער איינעם אַזאַ איינצעלנעם קאָן איך זעהר גענוי פער־זענליך און אויך ליטעראַרישע דאָקומענטען האָט ער איבערגעלאָזען אין אַ גענוגינגער מאָס; איך מיין דאָ זיך אַליין. איך באַטראַכט דאָס פאַר אַ גליק אין מיין לעבען און אין מיין אידישער אַנט־וויקלונג, וואָס אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלען אַליין דורכצו־מאַכען אַלע יענע אַנטוויקלונגס־פאַזען, וואָס דער אידישער נאַ־ציאָנאַלער סאָציאַליזם האָט פון זיך אַרויסגעבראַכט. דאָס גיט מיר די מעגליכקייט צו זיין אָביעקטיוו צו זיי, צו אַלעמען און ניט נאָר פריי זיין פון פאַנאַטישען האַס, נאָר אדרבה ליעבען זיי און

שעצען זיי, — איך מיין די עהרליכע איבערגעבענע טרעגער פון זייערע פאָהנען.

ווי זאָגט דער פסוק? „האָט ליעב דעם גר, ווייל איהר זייט באַקאַנט מיט דער נשמה פון דעם גר, ווייל גרים זייט איהר געווען אין דעם לאַנד מצרים“.

איך ליעב דעם עהרליכען אַסימיליאַטאָרישען סאָציאַליסט, דעם בונדיסט דעם גלות־נאַציאָנאַליסט און דעם אַבסטראַקטען טער־ריטאָריאַליסט, ווייל איך קען זייערע נשמות, ווייל איך האָב אַליין געשטעקט אין זייער הויט.

און מיך פאַרדריסט ניט, וואָס איך האָב געגלויבט ניט נאָר אין די אמת׳ען, וואָס יעדער פעריאָד האָט אַרויסגעבראַכט, נאָר אויך אין די טעות׳ען, וועלכע ער האָט געמוזט מאַכען. איך ווער נאָר ווייניג נתפעל פון יענע אמת׳ען וואָס פאַלען אַראָפּ פיקס און פאַרטיג, ווי שטיינער פון הימעל, און בלייבען אויף אייביג אין זייער שטיינערנער פאַרגליווערטקייט.

אמת׳ען מוזען אויסגעקרענקט ווערן: זיי דאַרפען דורכמאַ־כען זייערע אייגענע נויטיגע פעהלערן. זיי דאַרפען אַרויס־וואַקסען פון לעבען מיט זיין גאַנצער פאַרפּלאָנ־טערטקייט און טונקעלקייט. נאָר יעמאָלט קאָנען זיי אַליין לעבען און זיך אַנטוויקלען און האָבען אַ ממשות׳דיגע ווירקונג אויפ׳ן לעבען.

דאָס איז איין הקדמה.

2.

עס איז אָבער דאָ נאָך איין פונקט, וועלכען מען דאַרף קלאָר מאַכען פאַר די לעזער, וואָס זענען באַקאַנט מיט דער ווירקליכער געשיכטע פון אַלע אידישע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע ריכטונגען.

מיין קליינע שריפט שילדערט יענע אַרגומענטען, — די וויכ־טיגסטע, — וואָס האָבען געצוואונגען דעם אידיש־סאָציאַליסטישען

געדאַנק פאַרלאָזען איין ריכטונג און אריבערגעהן צו אַן אַנדערער.

מען קאָן מיר אויפווייזען, אַז די איינצעלנע אַרגומענטען, וואָס איך ווענד אָן, זענען סוביעקטיוו און אינדיווידועל: אַנדערע מענשען האָבען געהאַט אַנדערע טעמים, פאַר וואָס זיי האָבען זיך געשטעלט אויף אַזאַ און ניט אויף אַן אַנדער שטאַנד־פּונקט.

און ניט נאָר דאָס: די גאַנצע מעטאָדע פון באַגרינדען דעם באַשטימטען שטאַנד־פּונקט,—קאָן מען מיר אויפווייזען,— איז דאָ ביי מיר אַ סוביעקטיווע און אַן אינדיווידועלע, בעת די פאַרהערשענדע מעטאָדע אין דעם אידישען סאָציאַליזם איז געווען אַן אָביעקטיוו־וויסענשאַפטליכע, אַ מאַרקסיסטישע.

מען האָט פאַרטיידיגט דעם אָדער יענעם פּראָגראַם, ניט ווייל מען האָט איינגעזעהען זיין ניצליכקייט פון דעם שטאַנד־פּונקט פון דעם אָדער יענעם אידעאַל, פון „גוט" אָדער „שלעכט", נאָר ווייל איינעם איז קלאָר געוואָרען זיין אומפאַרמיידליכקייט: ווייל מען האָט געוואוסט (אָדער געמיינט, אַז מען ווייס), אַז די גאַנצע היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט און פון דעם אידישען פאָלק מוז פיהרען צו דער פאַרווירקליכונג פון דעם אויסדערוועהלטען פּראָגראַם.

די טענה, וואָס מען קאָן צו מיר האָבען, איז דעריבער אַזאַ: איך נעהם אַ סוביעקטיוו־אינדיווידועלען שטאַנד־פּונקט, וואָס שפּיגעלט אָפּ נאָר מיין אייגענע אַנטוויקלונג און מיין אייגענע מעטאָדע, ווי זיך צו באַגעהן מיט געזעלשאַפטליכע פּראָבלעמען. און שטעל דאָס אוועק פאַר דעם לעזער ווי אַן אָפּבילד, — לאָז זיין אַ סכעמאַטישען, — פון דער גאַנצער גייסטיגער אַנטוויקלונג, וואָס אין איהר האָבען מיינע אַנגעוועהטיגטע פראַגען און פּראָבלעמען און דעריבער אויך מיינע ענטפערס, געשפּיעלט אפשר גאָר אַ קנאַפּע ראָליע, אָדער גאָר קיין ראָליע ניט געשפּיעלט.

אַנטקעגען אָט דעם גאַנצען אָבפרעג מוז איך קודם כל באַמערקען, אַז די כלומרשט אָביעקטיוו־וויסענשאַפטליכע אומפאַרמיידליכקייטס־מעטאָדע האָט אַ געוויסע צייט אמת געשפּילט די

ערשטע פיעדעל אין דער ארגומענטאציע פון דעם אסימיליאטארי־שען סאציאליזם, דעם טעריטאריאליזם, און דעם פועלי־ציוניזם. אבער זי האט כמעט גאר קיין ראליע ניט געשפיעלט אין דער אר־גומענטאציע פון דעם גלות־נאציאנאליזם און אין די מאטיוועו, וואס צווינגען איהם אריבערצושרייטען זיינע גרעני־צען און ווערען טעריטאריאליסטיש.

אויף וויפיעל מיר איז באקאנט, איז די טעאריע פון דעם סאציאליסטישען גלות־נאציאנאליזם צום ערשטען מאל אויסגעארבייט און געפרעדיגט געווארען פון מיר אליין. פריהער מינדליך פון דעם יאהר 1885 אן און דערנאך אויך שריפטליך אין דער רוסישער בראשורע „יעווריי קו יעווריאם" פון דעם יאהר 1892 און אין דער דייטשער ארבייט: „דער סאציאליזם און די נאציאנאלע פראגע" פון דעם יאהר 1896.

ערשט שפעטער האבען די עסטרייכישע סאציאליסטען, שפרינגער און אטטא בויער, אנגעווענדט כמעט די זעלבינע טעאריע אויף די פעלקער פון עסטרייך. און ערשט שפעטער איז ביי אונז אידען אויסגעוואקסען א בירגערליכע, ניט סאציאליסטישע טעאריע פון גלות־נאציאנאליזם אין די שריפטען פון אונזער היס־טאריקער ש. דובנאוו.

לאזט מען ארויס פון שפיעל די ארבייטען פון שפרינגער און אטטא בויער, וואס האבען דעם „גלות־נאציאנאליסטישען" פרינציפ פון נאציאנאלע גלייכבארעכטיגונג און „סיימיזם" (פערסאנאל נא־ציאנאלע אויטאנאמיע) איבערגעזעצט אין א מארקסיסטישע שפראך, מוז מען צוגעבען, אז ניט דובנאוו און ניט איך האבען זיך ניט באנוצט מיט דער מעטאדע פון היסטארישער „אומפאר־מיידליכקייט": אז מיר האבען אלעמאל אלע אונזערע פראב־לעמען באהאנדעלט פון דעם „סוביעקטיווען" שטאנדפונקט, — לויט דער פראגע: „גוט" אדער „שלעכט"?

ווי ווייט עס זאלען זיך ניט האבען פאנאנדערגעגאנגען אונזע־רעביידענס וועגען אין געדאנק, — ווי פרעמד מיר זאל ניט זיין

דובנאָוו'ס „נאַציאָנאַל־גייסטיגער יודאאיזם" און ווי פרעמד איהם זאָל ניט זיין מיין ריין פריגייסטיגער, ריין וועלטליכער, ריין סאָציאַל־פּאָליטישער נאַציאָנאַליזם, — האָבען מירביידע — געוועזענע אַסימיליאַטאָרען — געפּרעדיגט האַס צו דער אַסימיליאַציע, געפאָדערט, אונזער פאָלק זאָל אַנשטרענגען זיין ווילען צו אַ נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און בשום אופן זיך ניט לאָזען טראָגען פון דעם אזוי אַנגערופענעם סטיכישען אַנטוויקלונגס־שטראָם.

הייסט עס, מיר האָבען ביידע געגלויבט און איך גלויב נאָך עד היום, אַז דער אַנגעשטרענגטער ווילען פון אַ פאָלק קאָן גובר זיין די כלומרשטע „אייזערנע טענדענצען פון דעם סטיכישען פּראָצעס", און אַז די פּראָפּאַגאַנדאַ און די אַגיטאַציע פון די באַוואוסטזיניגע נאַציאָנאַליסטען קאָן העלפען דעם פאָלק, ער זאָל אַנשטרענגען זיין ווילען צו זיין אויף דער וועלט, ווי אַ באַזונדער פאָלק.

אין די טעאָריען פון דעם גלות־נאַציאָנאַליזם האָט דער אומדפאַרמיידליכקייטס־געדאַנק ניט געשפּיעלט קיין ראָליע.

דערפאַר האָט ער אמת וואָס שטאַרקער געפילדערט ביי איינציגע טעאָרעטיקער פון דעם „בונד", פון די „פּועלי־ציון", פון די סאָציאַליסטען־טעריטאָריאַליסטען.

די פראַגען וועגען „יע־פּראָלעטאַריזאַציע" און „ניט־פּראָלעטאַריזאַציע", וועגען „ווידערבאַלעבונג" און „אַנטאַרטונג" („וואַרזראַזשדעניע" און „וויראַזשדעניע"), וועגען דער „סטיכישער קאָנצענטראַדיציע פון דער עמיגראַציע אין דער קאָלאָניזאַציע", זענען אַלע דעבאַטירט געוואָרען קודם כל פון דעם שטאַנדפּונקט פון היסטאָרישער אומפאַרמיידליכקייט.

דאָס איז אמת, דאָס לייקען איך ניט. אָבער דאָס וועט מען דאָך מיר אויך מוזען מודה זיין, אַז די טעאָרעטיקער און פּובליציסטען, די פּראָפּאַגאַנדיסטען און אַגיטאַטאָרען פון אַלע יענע ריכטונגען פלעגען ניט אַלע מאָל אָרום שוועבען רייטענדיג אויף די וואָלקענס פון דער אָביעקטיוו־וויסענשאַפטליכער טעאָריע.

זיי פלעגען זיך מוזען אראפלאזען צו אונז, אויף דער מענשלי־כער ערד און יעמאלט פלעגען זיי רעדען צו אונז פשוט'ע מענשלי־כע רייד. זיי האבען דאמאלט, ווי אלע מענשען, אנגעווענדט דעם „סוביעקטיווען" מאסשטאב פון „גוט" און „שלעכט".

זיי האבען ניט גע'טענה'ט: „נעהמט אן אונזער פראגראם, ווייל זיין פארווירקליכונג איז אומפארמיידליך, ווייל ער וועט סיי ווי סיי אריינטרעטען אין לעבען, צי איהר ווילט דאס, צי ניט". נאר דער זין פון זייערע רייד איז געוועזען: איהר דארפט אנ־נעהמען אונזער פראגראם, ווייל דערפון וועט ארויסוואקסען א ישועה פאר דעם אידישען פראלעטאריאט, אדער פאר די גרויסע אידישע פאלקס־מאסען, אדער פאר דער מענשהייט, אדער פאר דעם סאציאליזם: ווייל דורך איהם וועלען פארענטפערט ווערן די און די נויטען, וואס פלאגען אייך, פון וועלכע איהר קאנט אנדערש ניט פטור ווערען".

דאס איז פונקט די „סוביעקטיווע" מעטאדע, וועלכע אויך איך האב אלע מאל געברויכט אין מיינע סאציאל־פאליטישע באַ־טראכטונגען, סיי בנוגע דעם אלוועלטליכען סאציאליזם בכלל, סיי בנוגע דעם אידישען און דעם רוסישען סאציאליזם בפרט.

אין תוך אריין איז דער אינווענינסטער קערן פון יעדען גע־שיכטס־פילאסאפישען אומפארמיידליכקייטס־געדאנק ניט קיין אנ־דער זאך, ווי דער ס ו ב י ע ק ט י ו ו ע ר אידעאל: געוויסע פארשטעלונגען וועגען „גוט" און „שלעכטס" און דאס איז אויך אמת פאר נאך א צווייטער מעטאדע פון באגרינדען פארטיי־פאדערונגען. וואס האט זיך אויך שטארק געלאזט הערען אין די דיסקוסיעס צווי־שען די פארשיידענע ריכטונגען.

זי איז עהנליך צו דער פריהערדיגער, אבער דאך פארשיידען פון איהר. זי באגרינדעט די נויטווענדיגקייט פון איהר אויס־דערוועהלטע פראגראם אויף דעם באוויז, אז ער איז דער איינציג

מ ע ג ל י כ ע ר, בעת אלע אנדערע ווילען פארווירקליכען עפעס אזוינס, וואס איז לחלוטין אונמעגליך.

האט גע׳טענה׳ט דער אסימילאטאר :

„אונזער לאגע איז אומדערטרעגליך, און דער איינציגער וועג פטור צו ווערען פון איהר, איז — זיך אסימילירען, אויפהערען צו עקזיסטירען ווי א פאלק. ווייל — וואסער אנדער ברירה האט איהר דען ? ארץ־ישראל ? אונמעגליך ! דער טערק וועט דאס אונז ניט אוועקגעבען און מיר וועלען דארטען אויסשטארבען פון הונגער, און קיינער וועט אהין ניט פאהרען. אן אנדער לאנד ? אויף דער לבנה סיידען ! א נאציאנאלע אויטאנאמיע אין גלות ? אונמעגליך ! און זי וואלט אונז געהאלפען ווי א טויטען באנקעס“.

האט גע׳טענה׳ט דער גלות־נאציאנאליסט :

„וואסער אנדער ברירה האבען מיר דען, ווען ניט קעמפען פאר דער אייגענער עקזיסטענץ אין גלות ? פארשווינדען ווי א פאלק ? אבער דאס אידישע פאלק קאן ניט פארשווינדען ! *) ארץ ישראל ? א טעריטאריע ? וועלכער בר־דעת קאן גלויבען אין דער מעגליכקייט פון אזעלכע אוטאפיעס ? !“

און אויף דעמזעלביגען שטייגער זענען געבויט געווען די ארגומענטען פון דעם טעריטאריאליסט און דעם ציוניסט. פאר דעם טעריטאריאליסט זענען געווען גלייכען אבסאלוטע אוטאפיעס : פארשווינדען אין גלות, קעמפען פאר א פראגרעסיווער עקזיסטענץ אין גלות אדער וועלען ווידער אויפבויען ארץ־ישראל.

פאר דעם ציוניסט ווידער איז געווען גלייך אונמעגליך צו גלויבען אין אסימילאציע, אין גלות־נאציאנאליזם אדער אין א וועל־כער עס איז טעריטאריע א ח ו ץ ארץ־ישראל.

אויף אזא׳ן אופן האט אויסגעוויזען, אקוראט ווי אלע אידי־שע ריכטונגען אין איינעם וואלטען געבילדעט א געגענזייטיגע „אונמעגליכקייטס געזעלשאפט“, וואס זאל יעדען איינעם פארזי־

---

*) זעה מיין קליינע ארבייט : „קאן דאס אידישע פאלק פארשווינ־דען ?“ געזאמעלטע שריפטען, באנד 5.

בערען די אונמעגליכקייט פון די אנדערע, און דערפון האבען זיי אלע געצויגען זייער גייסטיגע חיונא.

ווען איהר פלעגט אבער א פארטרעטער פון אזא ריכטונג גוט צושפארען צום וואנד, פלעגט זיך אלע מאל ארויסווייזען, אז דער איינציגער מקור, פון וואנען עס פלעגען פליסען זיינע ארגומענטען. פאר וואס די אנדערע פראגראמען זענען אונמעגליך ,איז געווע־ זיין איינוועניגסטער אידעאל.

ער איז געווען אן אסימיליאטאר, ווייל ער האט געגלויבט. אז עס איז פאר אונז — און אפשר פאר אלעמען — גוט צו פאר־ שווינדען, ווי א באזונדער פאלק, און אז אלע אנדערע פראגראמען. אויב זיי וואלטען מקוים געווארען, וואלטען ניט פארדיענט זיין סימפאטיע. און דאס אייגענע — מיט די פארטרעטער פון די אנדערע ריכטונגען.

הייסט דאס, אז אויך דא איז דער אינוועניגסטער אמת'ער מאסשטאב געווען ניט : „מעגליך אדער אונמעגליך ?“ נאר : „גוט אדער שלעכט“ ?

אין מיין קליינער היסטארישער סקיצע האב איך דעריבער איז גאנצען ארויסגעלאזען פון אויג אלע יענע חקירות פון היסטארישער אומפארמיידליכקייט, מעגליכקייט און אונמעגליכקייט. אין מיינע אויגען זענען זיי אלע טעארעטישע אויבער־מאנטלען. — וואס קאנען נאר פארדעקען דעם רעאלען נאקעטען „בשר ודם“. מיט זיינע נאקעטע מענשליכע נויטען און ליידען.

אין דער לעצטער צייט, אין דעם איצטיגען וועלט־געשיכט־ ליכען מבול, זענען אלע אזעלכע טעארעטישע אויבער־מאנטלען, — וועלכע בארימטע שניידער־פירמע זאל זיי ניט האבען גענעהט, — אזוי אפגעפארבט געווארען, אזוי צונויפגעשרומפט געווארען, אז זיי קאנען ניט ארויפגעצויגען ווערען אויף קיין לעבעדיגער ארגאנ־ ניזאציע. עס איז דעריבער געוויס ניט קיין חסרון, נאר א גרויסע מעלה פון אונזער פארטיי, וואס זי האט ניט קיין אפציעל טעא־ רעטישע בלאמידע, וואס זאל זיין א חוב פאר יעדען מיטגליעד פון

דער פּאַרטיי. זי לאָזט דאָס איבער צו יעדן איינעם — איינ־קליידן זיין פּראָגראַם, אין וועלכע טעאַרעטישע בגדים ער וויל, לויט זיין טעאָרעטישן געשמאַק און פאַרשטאַנד.

מ י י ן סאָציאַליזם, — סיי דער אַלמענשליכער, סיי דער אי־רישער — שעמט זיך ניט אומצוגעהן איבער דער וועלט גאָר אַן געשיכטס־פילאָסאָפישע מלבושים, ווי אדם הראשון אין גן־עדן, איידער ער האָט באַגאַנגען די זינד: אַ נאַקעטער, אַ הוילער, מיט קיין זאַך ניט פאַרדעקטער, ווי גאָט האָט איהם באַשאַפן, מיט דעם אייביגן שטרעבן צו „גוט" און דעם אייביגן קאַמף אַנטקעגן „שלעכט".

און מיין סאָציאַליזם וו י ל ניט באַגעהן אַזעלכע טעאָרעטישע זינד, וועלכע זאָלן איהם מאַכן פאַרגעסן, וואָס „גוט" איז און וואָס „שלעכט" איז.

ניט קוקענדיג אויף די פאַרשיידענע טעאָרעטישע בגדים, האָבן מיר, די סאָציאַליסטן פון כל המינים, אין גרונד דיזעלביגע באַגריפן וועגן „גוט" און „שלעכט", „גערעכט" און „אומגערעכט", מענשליכע חשיבות און מענשליכע געמיינזהייט.

עס דאַרף אונז דעריבער ניט שווער זיין צונויפצורעדן זיך אין איינעם וועגן יענע מיטלען און וועגן, וואָס זאָלן אויך פאַר אונזער פאָלק פאַרזיכערן אַ גוטען, גערעכטען, מענשליך־חשוב'ען, ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ן לעבען, ווי אַ גלייכבאַרעכטיגטער ברודער אין דער משפחה פון דער מענשהייט.

פון אסימילאציע ביז פועלי־ציוניזם

דער וועג, וואס פיהרט פון אסימילאציע צו דעם אלגעמיינעם ציוניזם איז א קורצער און א גרינגער, ווייל אין תוך אריין ליגען ביידע סטאנציעס אויף איין און דערזעלביגער ליניע פון געדאנק.

סיי דער אסימילאטאר, סיי דער אלגעמיינער ציוניסט גלויבען בדרך כלל, אז א שטאאט געהערט אין גאנצען צו דעם „הערשענדען" פאלק, אז דאס הערשענדע פאלק האט א רעכט איינצושלינגען אלע נית „הערשענדע" נאציאנאליטעטען, וואס וואוינען אין איהם. און אז עס איז זייער פ ל י כ ט ניט צו מאכען קיין שהיות און אריין שפרינגען בשמחה רבה אין דעם קאכעדיגען שמעלץ־טאפ פון דער אסימילאציע.

באווייזט מען אזא אסימילאטאר, אז דער ציוניסטישער אי־דעאל קאן מקוים ווערען, אז גרויסע לייט זענען פאראינטערעסירט אין איהם און האבען גענוג קראפט דורכצוזעצען זייער ווילען. פארשטעהט ער, אז דאס געהט מען בויען נאך א שטאאט, נאך א קאכענדען שמעלץ־טאפ, וואו די יוד וועט זיין ניט קיין גוי'אישע. נאר א אידישע און וואו אלע אנדערע מינאריטעטען אדער ניט הערשענדע פעלקער וועלען זיך דארפען אויסקאכען אין יענער יוך.

דער אלגעמיינער ציוניזם פארלאנגט פון איהם ניט קיין רע־וואלוציע אין זיין דענקען. ער קאן בלייבען אן אסימילאטאר אין גוטער ציוניסטישקייט.

גאנץ אנדערש איז דער וועג פון דער קאסמאפאליטישער אסימילאציע צו דעם מאדערנעם פועלי־ציוניזם, וואס זיין פראגראם איז א באוואוסטזיניגע פאראייניגונג פון יענע פונדאמענטאלע

שטרעמונגען, וועלכע האבען באלעבט אלע נאציאנאל־סאציאליס־טישע פארטייען אין דער אידישער וועלט.

דער אסימיליאטארישער קאסמאפאליט דארף קודם כל דורכ־מאכען א גאנצע רעוואלוציע אין זיין וועלט־אנשויאונג, אין זיין דענקען און פיהלען. ער דארף איינזעהן, אז א פאלק איז עפעס גאר אן אנדער זאך, איידער א שטאאט; אז א פאלק איז א נאציאנאל־קולטורעלע געמיינשאפט, אלץ איינס, צי עס האט אן אייגען לאנד אדער עס וואוינט אין דער פרעמד; אז אומעטום, וואו עס וואוינט, האט עס די נאטירליכע טענדענץ און דעם קול־טורעלען חוב צו קעמפען פאר זיין קיום און פאר זיין פראגרעסיווע אנטוויקלונג, ווי א באזונדער נאציאנאלע גרופע, און צו ברענגען שווערע קרבנות אין יענעם קאמף אנטקעגען דעם הערשענדען שמעלץ־טאפ; אז אויך דאס אידישע פאלק איז א פאלק און אז ממילא איז עס ניט פריי פון יענער טענדענץ און אויף איהם ליעגט דערזעלביגער קולטורעלער חוב פון קאמף אנטקעגען אסימילאציע, פון קאמף פאר נאציאנאלע גלייכבארעכטיגונג, און אז ער דארף ברענגען די שווערסטע קרבנות אין יענעם קאמף.

דער אסימיליאטארישער קאסמאפאליט דארף ווערען א ג ל ו ת ־ נ א צ י א נ א ל י ס ט און אין דער העכסטער לאגישער פארם א ס י י מ י ס ט.

דערנאך דארף ער איינזעהען, אז אפילו ווען זיינע העכסטע גלות־נאציאנאליסטישע ציעלען וועלען דערגרייכט ווערען, אפילו ווען ער וועט שוין האבען א סיים, ד. ה. אן ארגאניזירטע צענטרא־לע נאציאנאלע מאכט, וואס וועט ארומרינגלען זיין נאציאנאלע עקזיסטענץ מיט דעם בעסט־מעגליכען שוץ־אפאראט און וועט אויס־בויען אלע נויטיגע אינסטיטוציעס פאר דער אנטוויקלונג פון זיין נאציאנאלער קולטור; אפילו ווען דאס פאלק וועט אנשטרענגען זיין נאציאנאלען ווילען צו עקזיסטענץ און אנטוויקלונג ביז צו דער העכסטער מדרגה, וועלען אויך יעמאלט ניט די עקזיסטענץ, ניט די אנטוויקלונג ניט זיין אבסאלוט געזיכערט, און אז וואס גרעסער

עס וועט זיין די אנשטרענגונג פון זיין ווילן, אלץ גרעסער וועלן מוזן זיין די קרבנות, וואס ער וועט דארפן ברענגען בלויז צוליעב דעם, כדי די ארומיגע וועלט זאל איהם ניט איינשלינגען, זאל איהם לאזען אטעמען אין זיין אייגענער נאציאנאלער אטמאספערע.

ער וועט מוזען פארגלייכען זיין עקזיסטענץ מיט דער עקזיסטענץ פון די נארמאלע פעלקער, וואס האבען אן אייגען לאנד און פאליטישע זעלבסטשטענדיגקייט, און סוף־כל־סוף וועט ער באמערקען, אז בעז יענע שטעהען מיט זייערע פיס אויף א פעסטען באדען און זייערע נאציאנאלע פראבלעמען ווערען פארענטפערט פון זיך אליין, דורך דעם נאטירליכען וואוקס פון זייער קולטור, וואס דארף קיין מורא ניט האבען פאר קיינע פרעמדע ווינטען. האלט זיין פאלק אין איין קינסטליכען טאנצען אויף א שטריק, מוז אלע ווילע בויגען און ברעכען זיין ארגאניזם, כדי ניט צו פארלירען דעם גלייכגעוויכט, און אז אין תוך אריין איז איהם שווער עפעס אויפצוטאן רעכטס אויף דעם געביעט פון דער אלגעמיין־מענשליכער קולטור, ווייל זיינע הענד זענען פארנומען מיט דער באלאנסיר־שטאנד, וועלכע ער מוז אלע ווילע ארום רוקען אין די הענד, כדי זיך אויפצוהאלטען אויף דער שטריק.

דער גלות־נאציאנאליסט מוז דעריבער אנהויבען בענקען נאך אן אייגענעם ווינקעל אויף גאטס־ערד, וואו די קולטור און דער זשעני פון דעם אידישען פאלק זאלען קאנען וואקסען פריי אין הימעל אריין, וואו זיינע הענד זאלען ניט זיין פארנומען מיט אלערליי קינסטליכע באוועגונגען צוליעב דעם גלייכגעוויכט: וואו זיין שאפענס־קראפט זאל קאנען זיין פריי פון דער מורא, טאמער קומט א שארפער שטורם־ווינט פון דעם ארום און שליידערט איהם אריין אין א אפגרונד אין איינעם מיט אלע זיינע קינסטליכע באלאנסיר־שטאנגען.

דער גלות־נאציאנאליסט מוז ווערען א סאציאליסט־טעריטאריאליסט.

אָבער פון דעם סאָציאַליזם־טעריטאָריאַליזם צו דעם פּועלי־ציוניזם איז ניט מעהר ווי איין שריט, ווייל דער פּועלי־ציוניזם איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי דער סאָציאַליזם־טעריטאָריאַליזם אין אַ קאָנקרעטער פּראַקטישער געשטאַלט.

אַסימילאַציע — גלות־נאַציאָנאַליזם — סאָציאַליזם־טעריטאָריאַליזם — פּועלי־ציוניזם, — דאָס זיינען די נויטיגע אַנטוויקלונגס־עטאַפּען פון אַ מאָדערנעם אידישען סאָציאַליסט.

איך האָב דאָ מיט אַ כיוון געברויכט דעם אויסדרוק: „עטאַ־פּען" און ניט „שטופען". שטופען זיינען טרעפּלעך, בלויז מיטלען צום ענד־ציעל, וועלכע מען קאָן אַריבער־שפּרינגען. עטאַפּען זיינען טיילען פון דעם וועג, וואָס מוזען דורכגעגאַנגען ווערען.

נאָך ריכטיגער וואָלט געווען צו זאָגען: „פּאָזיציעס", וואָס מוזען עטאַפּען־ווייז איינגענומען ווערען אין דער נאַטירליכער אַנט־וויקלונג פון דעם אידישען סאָציאַליזם. ווען מען פאַרלאָזט איין פּאָזיציע, כדי איינצונעהמען נאָך איינע אַ ווייטערע, הייסט דאָס ניט, אַז מען פאַרוואַרפט זי, אַז מען דאַרף זי ניט מעהר. מען שאַפט נאָר אָפּ איהר גרענעץ, איהר באַגרענעצטקייט, ווייל דער האָריזאָנט ווערט ברייטער און דער ציעל ליעגט אַ סך ווייטער. איידער די פּאָזיציע, אויף וועלכער מען איז געשטאַנען. אָבער אויך די אַלטע פּאָזיציע איז און בלייבט אַן עראָבערונג, וועלכע ווערט ניט אָוועקגענומען צוריק. מען רייסט זי נאָר אַרויס פון פרעמדע הענד און מען שליסט זי איין אין דעם אייגענעם באַזיץ.

אין דער אמת'ען זיינען די אַנטוויקלונגס־עטאַפּען פון דעם אידישען סאָציאַליזם, פון דער אַסימילאַציע ביז צו דעם פּועלי־ציוניזם, ניט קיין אַנדערע זאַך ווי ע ר אָ ב ע ר ו נ ג ע ן אויף דעם פעלד פון דעם סאָציאַל־פּאָליטישען געדאַנקען, — עראָבערונ־גען, וואָס שלאָגען־צו איין אידען שטח צו דעם אַנדערען, — ביז עס ווערט אָפּגערונדערט און אָפּגעשלאָסען די גאַנצע גייסטיגע וועלט פון דעם אידישען סאָציאַליזם אין דעם פּועלי־ציוניסטישען פּראָגראַם.

יעדער אידעען־שטח איז א גויטוועגדיגער באשטאנד־טייל פון דעם גאנצען, אין זיך געשלאסענעם גייסטיגען „כדור הארץ“ און האט אין זיך אמת׳ען, פון וועלכע מיר קאנען ניט און טארען זיך ניט אפזאגען. יעדער אידעען־שטח איז אן עראבערונג, וואס האט געקאסט דאס איידעלסטע בלוט פון דעם הארצען און די בעס־טע זאפט פון די נערווען, — אן עראבערונג, וואס ווערט ארויס־געריסען פון פרעמדע הענד און אריינגעשלאסען אין דעם אייגענעם באזיץ.

יא, שוין די ערשטע „פאזיציע“ — דער אסימילאטאריש־קאס־מאפאליטישער פעריאד אין דעם אידישען סאציאליזם — איז גע־ווען אזא עראבערונג פון דעם אידישען פראגרעסיווען געדאנק, און זיינע פונדאמענטאלע אמת׳ען בלייבען אן אייביגען באזיץ אין דעם נאציאנאל־אידישען סאציאליזם.

ער איז אפשר געווען די גרעסטע און וויכטיגסטע רעוואלוציע, וועלכע דער אידישען פרייער געדאנק האט דורכגעמאכט.

דערמאהנט זיך נאר, פון וויפיעל פארשימעלטע אידעען ער האט אונז באפרייט, וויפיעל נייע, ברייטע און ליכטיגע האריזאנטען ער האט פאר אונז אנטפלעקט!

ער האט אונז באפרייט פון דעם ענגען דאגמאטישען רעליגיע־זען גלויבען און האט אפגעעפענט פאר אונז א וועלט פון פרייען פארשען. אנשטאט דעם שאוויניסטישען אתה־בחרתנו, וואס האט געקוקט אויף דאס אידישע פאלק, ווי אויף דעם בחיר היצורים, האט ער פאר אונז ארויסגערוקט, דעם אידעאל פון א מ ע נ ש ה י י ט, אין וועלכער אלע מענשען־קינדער זענען גלייכע ברידער.

ער האט אונז באפרייט פון דעם מ א נ א ר כ י ז ם, וואס האט געשטעקט אין אונזער בלוט, וועלכען די אידישע טעאקראטיע האט ניט אויפגעהערט צו פרעדיגען אונז אין דעם אידעאל פון א פ ע ר ז ע נ ל י כ ע ן משיח, פון א אידישען צוקונפטיגען מ ל ך. — פון וועלכען אידעאל עס האבען זיך ניט געקאנט באפרייען אפילו די בעסטע פון אונזערע נביאים, — און האט אריינגעפלאנצט אין

אונזערע אדערען די אידעאלען פון פערזענליכער פריי־הייט און פאלקס־סואווערניטעט.

אנשטאט די ענגע פיער ווינקעלעך פון דעם אייגענעם אידי־שען שאפען, וואס האט זיך, צוליעב היסטארישע האפנונגען פון דעם אידישען פאלק, אויף אן איבערנאטירליכען משיח אפגעשלא־סען פון דעם גרויסען מעכטיגען שטראם פון דעם אלוועלטליכען פראגרעס און איז פארקראכען אין די מיסטישע זומפען פון אן איבערנאטירליכען גלויבען, האט ער אונז צוגעפיהרט צו די קווא־לען פון דער אלוועלטליכער קולטור, צו די מים חיים פון דעם איי־ביג לעבענדען, אייביג פארשענדען מענשליכען גייסט.

אנשטאט די אידעאלען פון דער סוחר'ישער וועלט, וואס האט אויך געלעבט אין אונזער בלוט, האבען אונז אונזערע אסימיליא־טארען געגעבען דעם אידעאל פון סאציאליזם, פון חשוב'ער מענשליכער ארבייט, וואס דארף באשאפען א גן־עדן אויף דער וועלט פאר יעדען מענשען־קינד.

פרייער געדאנק, פערזענליכע פרייהייט און דעמאקראטיע, מענשהייטס־אידעאל און סאציאליזם און נאך אנדערע גרויסע און וויכטיגע וועלט־געדאנקען האט אונז געבראכט דער אסימיליא־ציאנס־פעריאד און פון זיי וועלען מיר זיך קיינמאל ניט אפזאגען.

דער אידישער קאסמאפאליטישער סאציאליזם האט אבער גע־האט א גרעניץ, פון וועלכען קיין אנדער פראגרעסיווע פארטיי ביי קיין אנדער פאלק האט ניט געוואוסט. אט די אלע גרויסע וועלט־אידעען פלעגען פון אלע סאציאליסטישע פארטייען אנגעווענדעט ווערען קודם כל אויף דאס לעבען פון זייער אייגענעם פאלק. יעדע איינצעלנע ערשיינונג פון אט דעם לעבען האט געמוזט אויסהאלטען די פייער־פראבע פון דער סאציאליסטישער קריטיק. אויף אזא'ן אופן האט דער פרייער פראגרעסיווער געדאנק אומעטום געוועקט די שאפונגס־כוחות פון יעדען פאלק, מיט דעם גופא געשטארקט זיין לעבענס־קראפט און אנגעטריבען זיין אנטוויקלונג.

גאנץ אנדער איז דאס געווען ביי אונז. אונזער פרייער פרא־

גרעסיווער סאציאליסטישער געדאנק האט ניט געוואלט אנווענדען זיינע וועלט־באוועגנדע אידעען אויף דאס לעבען פון דעם אידי־שען פאלק, ווייל ער האט געלייקענט אין זיין עקזיסטענץ.

אין דעריין ווי אין נאך אנדערע חסרונות האט זיך אויסגע־דריקט די באגרעניצטקייט פון דעם פראגרעסיווען אסימיליאטא־ריש־קאסמאפאליטישען געדאנק.

ער איז געקומען צו דעם אידישען פאלק, ניט גלויבענדיג אין דעם אידישען פאלק, מיט גלענצענדע צוזאגען, אז ער וועט דעם אנ־טי־סעמיטיזם אפשאפען, די קולטור פון די מאסע אויפהויבען און דעם מהות מענש, דעם אידישען, אויף א העכערע שטופע אוועק־שטעלען. און אויסגעלאזען האט זיך, אז א דאנק איהם איז דער אנטי־סעמיטיזם פארשטארקט געווארען, די אידישע קולטור איז געזונקען און אנשטאט דעם אלטען מה־יפית־אידען איז אויסגע־וואקסען נאך אן ערגערער מה־יפית טיפ: דער ווארעם, וועלכער האט זיך געקייקעלט אין שטויב פאר אלץ, וואס איז ניט אידיש *).

א צווייטע רעוואלוציע, אפשר ניט קיין גרינגערע, איידער די ערשטע, האט געמוזט דורכמאכען דער אידיש־סאציאליסטישער געדאנק. ער האט געמוזט אריבער־שפרייזען די גרעניצען פון דעם אסימילאטארישען קאסמאפאליטיזם און ער האט דאס געטאן.

דער אסימיליאטאר איז געווארען א ג ל ו ת ־ נ א צ י א ־ נ א ל י ס ט.

דער גלות־נאציאנאליזם האט ווידער ארויסגעבראכט נייע אמת'ען, וואס וועלען פארבלייבען אייביג איינגעקערפערט אין דעם אידישען סאציאליזם.

די פונדאמענטאלע אמת'ען פון דעם סאציאליסטישען גלות־נאציאנאליזם זענען באשטאנען אין דעם קלארען איינזעהן, אז „וואס מעהר מענש, אלץ מעהר איד“: א ז ד א ס א י ד י ש ע

---

*) באריכות וועגען דעם אין מיין בראשור: „דער אנטיסעמיטיזם, וואס ער זאגט צו און וואס ער גיט“, ארויסגעגעבען פון די פועל"צ אין וויען.

פ אָ ל ק א י ז אַ פ אָ ל ק א ו מ ע ט ו ם ; אַז אומעטום אין דער וועלט, וואו אידען וואוינען, ליעגט דער חוב אויף דעם אידישען סאָציאַליזם צו קעמפּען פאַר זיין פאָלקס עקזיסטענץ אין יענעם לאַנד און פאַר זיין פאָלקס פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג אין יענעם לאַנד ; אַז אומעטום אין דעם אידישען לעבען שפּיעלט זיך אָפּ דער קלאַסען קאַמף פון אַרבייט און בורזשואַ, פון אָרעמע און רייכע און עס וויקעלט זיך פאַנאַנדער דער שטרייט פון רעוואָלוציאָנערע און פּראָגרעסיווע כוחות ; אַז עס איז דער חוב פון דעם אידישען סאָציאַליזם צו אָרגאַניזירען דעם קלאַסען־קאַמף פון דער אידישער אַרבייטערשאַפט אַנטקעגען דער בורזשואַזי, צו אָרגאַניזירען אַלע פּראָגרעסיווע כוחות פון דעם אידישען פאָלק אונטער זיין פאַהן און אָנצופירען דעם קאַמף פאַר פּראָגרעס אַנטקעגען רעאַקציע פון כל המינים אויף אַלע פעלדער פון דער אידישער עפענטליכער טעטיגקייט, אין אַלע ווינקעלאַך פון דעם אידישען לעבען ; אַז אַט די רעוואָלוציאָנערע אַרבייט זיינע דאַרף ער פיהרען אין פולער סאָלידאַריטעט מיט דעם ניט־אידישען סאָציאַליזם און די ניט־אידישע פּראָגרעסיווע כוחות פון יענעם לאַנד, אין וועלכע די אידען לעבען, ווי אויך אין טיעפסטען איינקלאַנג מיט די אינטערעסען פון דעם אידישען פּראָגרעס אומעטום אויף דער גאַנצער וועלט ; אַז אין דער סאָלידאַרישער אַרבייט מיט דעם סאָציאַליזם און דעם פּראָגרעס פון דעם געגעבענעם גלות־לאַנד, דאַרף ער שטאָלץ פאַנאַנדערוויקלען זיין אידישע פאַהן, ענערגיש קעמפּען פאַר דער אידישער נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיגונג און אומעטום שטעהן אויף דער וואַך, צו פאַרהיטען די אידישע רעכט און די אידישע חשיבות אין דעם אַלגעמיינעם שטאַאַטס־לעבען.

אָבער אין איינעם מיט אַט די פונדאַמענטאַלע אמת'ען האַט דער גלות־נאַציאָנאַליזם אַרויסגעבראַכט אויך זיין אייגענע ב אַ ג ר ע נ י צ ט ק י י ט , וואָס האָט געשטערט דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון דעם אידיש־סאָציאַליסטישען געדאַנק.

עס האָט געמוזט פאָרקומען נאָך אַ רעוואָלוציע אין געדאַנק. וואָס זאָל אָפּשאַפען יענע באַגרעניצטקייט.

מערקווירדיג איז, וואָס גראָד דער איבערגאַנג פון דעם גלות־נאַציאָנאַליזם צו דעם טעריטאָריאַליזם איז געווען דער שווערסטער פון אַלע פּאַרוואַנדלונגען, וועלכע דער אידישער סאָציאַליסט האָט געמוזט דורכמאַכען.

עס איז פּסיכאָלאָגיש לייכטער צו ווערען פון א סאָציאַליסטי־שען אסימילאַטאָר א סאָציאַליסטישער גלות־נאַציאָנאַליסט, איידער פון א גלות־נאַציאָנאַליסט ווערען א טעריטאָריאַליסט, הגם דער שפּרונג פון אסימילאַציע צו נאַציאָנאַליזם, פון אַפּלייקענען א פאָלקס־עקזיסטענץ צו דעם קאַמף פאַר איהר, איז טעאָרעטיש גאַנץ זיכער א גרעסערער, איידער דער שפּרונג פון גלות אין אַן אייגען לאַנד.

מיר דוכט, אַז צוויי מאָמענטען מאַכען דעם איבערגאַנג אזוי שווער. ערשטענס, זיינען דאָס די דאגות וועגען דער מ ע ג ־ ל י כ ק י י ט אָדער א ו נ מ ע ג ל י כ ק י י ט פון דורכצו־פיהרען דעם אייגענעם פּראָגראַם.

די ארבייטען פון דעם גלות־נאַציאָנאַליסט קאָנען אָנגעהויבען ווערען מיט די אייגענע סאָציאַליסטישע כוחות, ווי קליין זיי זאָלען ניט זיין; זיי קאָנען דורכגעפיהרט ווערען שוין אויפ'ן שטעל און דאָ אויף'ן אָרט. בעת די ארבייטען פאַר אַן אייגען לאַנד פאָדערן די אנשטרענגונג פון דעם גאַנצען פאָלק; זיי קאָנען געטאָן ווערען ערשט יעמאָלט ווען מען וועט שוין האָבען געפונען א פּאַסענד לאַנד און געטאָן ווערען ערשט דאָרטען, ניט דאָ, וואו מיר געפינען זיך.

קאָנען מיר נעהמען אויף זיך אזא'ן ארבייט? קאָנען מיר גאַ־ראַנטירען איהר ערפאָלג?

אָבער אָט די ציטעריגקייט פאַר דער צו גרויסער אויפגאַבע, וואָס ליעגט אָרטליך און צייטליך אזוי ווייט פון אונז, איז ניט די הויפּט־שוועריגקייט פון דעם טעריטאָריאַליזם. פון די דאגות קאָן מען זיך ארויסדרעהען מיט דער פאָרמעל, וועלכע די סערפּיסטען האָ־בען אָנגעווענדעט, בעת זיי האָבען פּאַרזיכטיג אריבערגעטראָטען דעם שוועל פון דעם טעריטאָריאַליזם און געבליבען שטעהן ביי דעם שוועל:

מיר וועלן פאָדערן אַן אייגענעם לאַנד פאַר אונדז נאָר יעמאָלט און דאָרטן, וואו און ווען די אומשטענדן וועלן פאַרטיג מאַכן פאַר אונדז דעם גינסטיגן פּאָליטישן באָדן.

די הויפּט־שוועריגקייט איז געלעגן אין אַ סך אַ טיעפערן פּרינציפּיעלן טעם.

אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער גלות־אַרבייט זיינען מיר ניט געצוואונגען צו גייען מיט דער רעאַקציאָנערער בורזשואזי האַנד אין האַנד. די אידישע דעמאָקראַטישע פאָלקס־מאַסן, אָנגע־פיהרט פון דעם אידישן אַרבייטער־קלאַס און דער אידישער סאָ־ציאַליסטישער אינטעליגענץ, קאָנען אַליין מיט זייערע אייגענע כוחות און מיט דער הילף פון דער ניט־אידישער סאָציאַליסטישער וועלט אויסקעמפן פון דעם שטאַאַט, אין וועלכן מען וואוינט, די נויטיגע נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכטיגונג.

זיי קאָנען אויך אַליין באַשאַפן אַלע יענע אינסטיטוציעס אין דעם אינוועניגסטען נאַציאָנאַלן לעבן, וואָס זיינען נויטיג, כדי דאָס פאָלק זאָל זיך דערהאַלטן, ווי אַ פאָלק, און נעהמען אַ טע־טיגן אַנטייל אין דעם פּראָגרעסיוון לעבן פון דער מענשהייט.

יענע אינסטיטוציעס קאָנען זיין דורכגעדרונגען פון דעם זעל־ביגן פּראָגרעסיוון גייסט, וואָס באַהערשט די אידישע פאָלקס־מאַסן און דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט, ווייל די אָרטיגע בור־זשואַזיע קאָן האָבן נאָר דעם איינפלוס, וואָס איהר קומט, לויט איהר צאָהל, און איהר צאָהל איז פאַרשווינדענד קליין לגבי די פאָלקס־מאַסן.

מיר קאָנען דעריבער פיהרן אונזער אַרבייט אָהן אַ שום שיכות צו די אידעאַלן און די שטרעבונגען פון דער רעאַקציאָנערער בור־זשואַזיע און שטעהן צו איהר אין דער פּאָזיציע פון אַ שטענדיגען קאַמף, — אַ פּאָזיציע, וואָס מוז פאַרשאַרפען דעם רע־וואָלוציאָנערען באַוואוסטזיין פון די פאָלקס־מאַסן און פאַרשטאַר־קען דעם קלאַסען־קאַמף פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

אין דער טעריטאָריאַליסטישער אַרבייט אָבער קאָנען מיר זיך

ניט באַגעהן אָהן דער הילף פון דער פינאַנציעלער בורזשואַזיע איז אָהן דער הילף פון יענע בורזשואַזע רעגיערונגען, צו וועלכע מיר מוזען אַנקומען.

נאַציאָנאַלע רעכט אין רוסלאַנד קאָנען מיר פ אָ ד ע ר ן פון דער רוסישער רעגיערונג מיט געוועהר אין דער האַנד. אין אייגען לאַנד, אַבער אין דער טערקיי אָדער אוגאַנדאַ דאַרפען מיר ב ע ט ע ן ביי דער טערקישער אָדער דער ענגלישער רעגיערונג. א סאָציאַליסטישע פּאַרטיי קאָן אַבער ניט בעטען, און מיט איהר וועט מען אפילו רעדען ניט וועלען. מוז זי אַרויסרוקען די אייגענע בורזשואַזיע, מוז זי אַנקומען צו איהר לאַסקע, מוז זי זיך לאָזען פיהרען פון איהר, לכל הפּחות ביז צו יענעם מאָמענט, ווען מען וועט אין דעם אייגענעם לאַנד קאָנען פאַנאַנדערוויקלען די אייגענע פּראָלעטאַרישע פּאָהן און דעם אייגענעם קלאַסען־קאַמף.

דאָס באַשאַפט אַן אומנאַטירליכע ווידערשפּרוכספולע לאַגע פאַר א סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָנערער אַרבייטער־פּאַרטיי.

מען מוז פיהרען אַן אַגיטאַציע און א פּראָפּאַגאַנדאַ צווישען דער אידישער בורזשואַזיע, וואָס איז עקאָנאָמיש גאָר ניט איבערינגם פאַראינטערעסירט אין אַן אייגענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און אין אַן אייגענעם לאַנד. מען מוז וועקען איהרע נאַציאָנאַלע געפיהלען, אַפּעלירען צו איהר יושר און צו איהר פאָלקס־ליעבע.

אַזאַ לאַגע קאָן בשום אופן ניט בילדען קיין גינסטיגען פּסיכאָלאָגישען באָדען פאַר א רעוואָלוציאָנערען קלאַסען־קאַמף.

א רעוואָלוציאָנערער קלאַסען־קאַמף אַנטקעגען דער בורזשואַזי קאָן נאָר יעמאָלט זיין איינהייטליך, גאַנץ און פריי פון יעדען דיסהאַרמאָנישען טאָן, ווען ער קאָן זיך ווענדען צו דער בורזשואַזי מיט דער פאָרדערונג: „נעהם אַוועק דיינע רויבערישע הענט! מיר דאַרפען דיך ניט: מיר קאָנען און וועלען אויסקומען אָהן דיינע טובות!“ דאָס — און נאָר דאָס — איז אומעטום דער זין פון דעם רעוואָלוציאָנערען קלאַסען־קאַמף, וואָס די אַרבייטערשאַפט פיהרט אומעטום אַנטקעגען דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס.

אזא ריינעם רעוואָלוציאָנערען קלאַסען־קאַמף קאָן אָבער ניט פיהרען דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, קוים שטעלט ער זיך אוועק אויף דעם טעריטאָריאַליסטישען שטאַנד־פּונקט; ער מוז זיך ווענדען צו דער בורזשואַזי ניט מיט א פאָדערונג, נאָר מיט אן אויפמונטערונג: „לעג צו דיינע מוטיגע און מעכטיגע הענד צו דער זאַך פון דער פאָלקס־באַפרייאונג! פיהר אונז איין אָן אייגען לאַנד, כדי עקאָנאָמיש צו באַהערשען אונז!“

געוויס, קאָן אויך דער גלות־נאַציאָנאַליסט צוגעבען, אַז ע ל פ י ה ד ח ק קאָן מען געפינען אַן אויסוועג פון דער פּרינציפּיעלער שטערונג; קעמפען דאָך די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די אונטערדריקטע פעלקער פאַר א פולער פּאָליטישער זעלבסט־שטענדיגקייט אין איינעם מיט זייערע בורזשואַזיען; געהען דאָך אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען האַנד אין האַנד מיט דער בורזשואַזי אין דעם קאַמף אַנטקעגען זעלבסט־הערשונג און פעאָדאַלער אריסטאָקראַטיע. זיי מונטערען זי אויף צו אזא קאַמף און אין דערזעלביגער צייט שוואַכען זיי ניט אָפּ זייער קלאַסען־קאַמף אַנטקעגען איהר.

איז דאָך דאָס על פּי הדחק! ווייל מען וואוינט שוין אין אַן אייגענעם לאַנד.

וואו ליגט אָבער די נויט פאַר אונז, מיר זאָלען לכתחילה קריכען מיט אַ געזונטען קאָפּ אין אַ קראַנקען בעט? וואָס וועט אונז אונז פ ע ה ל ע ן אין די גלות־לענדער, קוים דערגרייכען מיר די פולע נאַציאָנאַלע גלייכבארעכטיגונג? א ו י ף ו ו אָ ס ד א ר ף ד אָ ס א י ד י ש ע פ אָ ל ק ה אָ ב ע ן אַ ן אַ י י ג ע ן ל א נ ד?

דער גלות־נאַציאָנאַליזם, ווען ער איז נאָך געווען אין זיינע יונגע יאָהרען, ווען די סאָציאַליסטישע צוקונפט פאַר די פעלקער פון דער גאַנצער וועלט, מיט דער אָפּשאַפונג פון אַלע שטאַטען און גרענעצען, וואָס שפּאַלטען פאַנאַנדער די מענשהייט אין פיינדליכע לאַגערן, איז געלעגען אין איהר גאָלדיגען שיין אַזוי נאָהענט פאַר די אויגען, האָט ניט געקאָנט איינזעהען די נ ו י ט י ג ק י י ט

פון אן אייגענעם לאנד פאר א וועלכען עס איז פאלק, און אויף אלע טעריטאריאליסטישע שטרעבונגען האט ער געמוזט קוקען, ווי אויף אן אויספלום פון א פאר'שכור'נדען שאוויניסטישען פאטריאטיזם.

ערשט שפעטער, ווען ער האט זיך טיעפער אריינגעטראכט אין דעם תוך פון זיינע אייגענע פאדערונגען און אין די באדינגונגען, וועלכע א גלות-לעבען קאן אונז געבען, אפילו אונטער די בעסט-מעגליכע אומשטענדען, — ערשט דעמאלט זיינען פאר איהם קלאר געווארען די טעמים, פאר וואס מיר מוזען האבען אן אייגען לאנד, פאר וואס אהן אן אייגען לאנד וועלען מיר ניט קאנען דערגרייכען אונזערע ציעלען אין די גלות-לענדער אין יענער מאס, אין וועלכער דאס פאלק נויטיגט זיך, און פאר וואס מיר מוזען דעריבער געהן אקסעל לעבען אקסעל מיט דער בורזשואזי דארטען, וואו דאס איז אבסאלוט נויטיג פאר דער דערגרייכונג פון אונזער ציעל.

דער הויפט-צוועק פון דעם גלות-נאציאנאליזם איז ניט נאר די פארזיכערונג פון דער פאלקס-עקסיסטענץ, נאר אויך די פארזיכערונג פון א פרייער, נארמאלער, פראגרעסיווער אנטוויקלונג פאר אונזער פאלק.

די נאציאנאלע זעלבסט-דערהאלטונג קאן מען דערגרייכען אויך מיט די מיטלען פון דעם אידישען רעליגיעזען לעבען, ווי מיר האבען דאס אויך דורכגעזעצט אין דעם לאנגען משך פון אונזער גלות-געשיכטע.

אויב עס וואלט אונז געגאנגען נאר אין זעלבסט-דערהאלטונג, וואלט די אויפגאבע באדארפט זיין — א געוויסע רעפארם אין די רעליגיעזע אנשויאונגען און מנהגים, א געוויסער מאס פון נאציא-נאלער אויטאנאמיע, אויף דעם יסוד, זאגען מיר, פון דובנאוו'ס „גייסטיגען נאציאנאליזם" און „עוואלוציאנערען יודאאיזם" — און אונזער הוילע עקסיסטענץ וואלט ביז צו זעהר א הויכען גראד געזיכערט געווען.

אבער פאר אונז איז די הוילע עקסיסטענץ ניט גענוג און די מיטלען פון אן ארויפגעצוואונגענעם גלויבען געהען להיפך צו די

פאָדערונגען פון פ ע ר ז ע נ ל י כ ע ר פ ר י י ה י י ט. מיר ווילען א פ ר י י ע אידישע נאציע, א גייסטיג פרייע, וואו יעדער איד, אין וואָס ער זאָל ניט גלויבען, זאָל קאָנען זיך אויסלעבען אין די גרעניצען פון זיין פאָלק, ניט דארפען ארויסגעשליידערט ווערען פין איהם, ווי דאָס איז געווען דער פאל מיט אוריאל אקאָסטא און ספינאָזא, און ניט מוזען פרייוויליג אוועקגעהן פון איהם, ווי נאָר זיינע אנשויאונגען וועלען מעהר ניט צונויפשטימען מיט די יסודות פון דער פראָגרעסיווער אַנטוויקלונג.

דערפאר האָט דער גלות-נאציאָנאליזם פאָרגעשלאָגען, אז ניט די רעליגיע זאָל זיין דער יסוד פון אונזער אויטאָנאָמיע, נאָר די ש פ ר א ך, וואָס בינדט אַלעמען צענויף אין איין אטמאָספערע און לאָזט אלעמען פריי צו גלויבען אין וואָס איינער וויל, צו קעמפען פאר זיינע אידעאלען און איבערצייגונגען, ווי ער פארשטעהט, און אויף אזא'ן אופן תמיד צו האלטען אָפען פאר'ן פאָלק דעם וועג פון דער פראָגרעסיווער אַנטוויקלונג.

כדי אָבער דאָס פאָלק, וואָס בילדעט קליינע אָאַזיסען אין א מדבר פון א פרעמדער מאיאָריטעט, זאָל קאָנען אויפהאלטען זיין שפראך, מוז עס תמיד האלטען אָנגעשטרענגט זיין ווילען ניט נאָר צו עקזיסטענץ, נאָר אויך צו אַ פרייער גייסטיגער אַנטוויקלונג. איז בעסטען פאל מוז ער אויסגעבען אן אונגעהויערע מאסע פון ענערגיע, וואָס געהט אַוועק ניט אויף דער באַשאַפונג פון נייע קולטורעלע ווערטען, נאָר פשוט אויף דעם אויפבוי פון ב אַ ד י נ ג ו נ ג ע ן. וואָס זאָלען ערשט מעגליך מאכען דאָס פרייע שאפען.

די גאנצע ענערגיע וואָס דאָס אידישע פאָלק וועט מוזען אוועקגעבען פאר'ן קאמף מיט דער אסימילאציע איז א פ א ר ש ו ו ע נ ד ו נ ג, א באַזונדערע טאַקסע, ארויף געוואָרפען אויף איהם נאָר דערפאר, וואָס ער האָט ניט קיין אייגען לאנד.

און ווי קאָן מען זיין זיכער, אז דאָס פאָלק ד. ה. די גרויסע פאָלקס-מאסען וועלען נעהמען אויף זיך די דאָזיגע פארשווענדונג. די דאָזיגע אומאויפהערליכע אנשטרענגונג פון זייערע כוחות?

דאָס פאָלק וואָלט דאָס גאַנץ זיכער געטאָן צוליעב דער הוי-

לער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ אויף דעם יסוד פון אַ ר ע ל י ג י ע־ ז ע ן ג ל ו י ב ע ן. דער רעליגיעזער גלויבען איז ביי איהם פאַר זיך אַ ווערטה, פאַר וועלכען מען מעג און מען זאָל ברענגען קרבנות, ווייל אַ חוץ דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ פאַרזיכערט איהם נאָך די רעליגיע די הילף פון איבערנאַטירליכע כוחות, אין וועלכע ער גלויבט, און אַ האָפענונג אויף אַן איבערנאַטירליכער גאולה, אויף אַ וואונדערפולען צוריקקעהר אין זיין אייגענעם לאַנד.

וועט דאָס פאָלק וועלען ברענגען קרבנות פאַר דעם מאָדער־נעם פּראָגרעסיווען גלות־נאַציאָנאַליזם, וואָס רויבט ביי איהם אַוועק די האָפענונג אויף דער פולער אויסלייזונג פון גלות, וואָס קאָן איהם ניט צוזאָגען קיין הילף מצד וועלכע עס איז געטליכע כוחות, וואָס וויקעלט פאַר איהם ניט פאַנאַנדער קיין באַשטימטען געדאַנק, אין וועלכען ער זאָל גלויבען, נאָר וואָס פאָדערט פון איהם, ער זאָל זיך אויפהויבען אויף יענער קולטור־פילאָסאָפישען הויך, פון וואַנען דער אידעאַל פון אַ פרייען מענשליכען שאַפען איז געוויסע נאַציאָנאַלע פאָרמען, — וואָסערע געדאַנקען און אידעען דאָס פרייע שאַפען זאָל ניט אַרויסברענגען, — ווערט דערקענט. ווי דאָס העכסטע גוט, צו וועלכען אַ פאָלק דאַרף שטרעבען, ווי אַ פאָלק?

עס איז זעהר צווייפעלהאַפט, אַז די גרויסע מאַסען זאָלען זיך אויפהויבען צו אַזאַ הויך און אַז זיי זאָלען צוליעב דעם אידעאַל וועלען ברענגען די טאָג־טעגליכע קרבנות אין דעם שטענדיגען קאַמף אַנטקעגען דער אַסימיליאַציע.

די לייכטעסטע ליניע פאַר'ן פאָלק וועט בלייבען דער קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג מיט די מיטלען פון אַ רעלי־גיעזען גלויבען און מיט שטענדיגע הנחות צו דער אַסימילירענדער סביבה, ד. ה. דער ר ע אַ ק צ י אָ נ ע ר ע ר גלות־נאַציאָנאַליזם.

דער פּראָגרעסיווער גלות־נאַציאָנאַליזם וועט שטענדיג מוזען פיהרען זיין קאַמף אַנטקעגען דעם רעאַקציאָנערען גלות־נאַציאָנאַ־ליזם פאַר יעדער קלייניגקייט אין לעבען, — פאַר יעדער נאַציאָ־נאַל־ראַדיקאַלער שוהלע, וואָס זאָל פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון אַ

תלמוד־תורה, פאר יעדען לעהרער־סעמינאר, וואס זאל ארויסשטור־פען די ישיבה, — פאר יעדען ווייטערדיגען שריט אין דער פראָ־גרעסיווער אידישער קולטור.

צו דער פארשווענדונג פון די כוחות, — וואס ביידע, סיי דער פראגרעסיווער ,סיי דער רעליגיעזער נאציאנאליזם מוזען אויסגעבען פאר דער נאציאנאלער דערהאלטונג, — וועט מוזען צוקומען נאך א נייע פארשווענדונג פון כוחות פאר יעדען פראגרעסיווען שריט פארווערטס, פאר דעם אנגעשטרענגטען קאמף מיט דעם אייגענעם פאלק אין גלות, וועמען עם דוכט זיך, אז איהם וועט זיין ל י י כ ־ ט ע ר צו לעבען אויף דער וועלט ווי א פאלק, ווען ער וועט זיין ארומגערינגעלט מיט א פארגליווערטער גייסטיגער אטמאספערע.

פון די אלע עקסטרא־פארשווענדונגען פון נאציאנאלע ענערגיע, פון די אלע מאמענטען, וואס פארשטארקען די מאכט פון דער רע־אקציע אין דעם לעבען פון דעם פאלק, ווערען מיר אבער תיכף באפרייט, ווי נאר מיר האבען דעם באדען פון אן אייגענעם לאנד אונטער אונזערע פים.

א ן א י י ג ע ן ל א נ ד א י ז א ב א פ ר י י ע נ ד ע מ א כ ט. די נאציאנאלע קולטור פון א פאלק וואקסט דארטען פון זיך אליין. זי איז ניט געצוואונגען צו בויען קינסטליכע אראנ־זשערעיען פאר דער אייגענער עקזיסטענץ. דעם אינסטינקט פון נאציאנאלער זעלבסט־דערהאלטונג איז ניט נויטיג מעהר אנצוכאַ־פען זיך פאר א וועלכען עס איז גלויבען און איינצוטוליען זיך אין א וועלכער עס איז פארגליווערטער גייסטיגער אטמאספערע. די רעאקציאנערע כוחות פארלירען יענע לעבנס־קרעפטען, וואס זע־נען געפלאסען אין זיי פון דער נאציאנאלער נויט. דער קאמף פאר נאציאנאלע עקזיסטענץ נויטיגט זיך ניט מעהר אין קינסטליכע מיטלען, און דער קאמף פאר פראגרעס ווערט אוועקגעשטעלט אין נארמאלע באדינגונגען, ווי ביי יעדען אנדער פאלק אויף דער וועלט.

ווייטער. אונטער די איצטיגע אומשטענדען קאן א אידישע קולטור אין גלות זיך ניט אנטוויקלען אין גאנצען זעלבסט־שטענ־

דיג. אפילו אונטער די בעסטע באדינגונגען קאן די אידישע קולטור זיך ניט ערהאבערן די אליין־הערשאפט אין דעם אידישען לעבען. די קולטור און די שפראך פון דער מאיאריטעט אין דעם לאנד וועט תמיד קאנקורירען מיט דער אידישער, און וואס אנטוויקעלטער און געבילדעטער א איד וועט זיין, אלץ שטארקער וועט ביי איהם זיין דער יצר הרע צו דער פרעמדער קולטור און שפראך, אין וועלכער עס שפיעלט זיך אפ דאס גאנצע לעבען פון דעם לאנד.

איך האב דא ניט אין זינען דעם פאקט, וואס אין גלות וועלען אלע אידען מוזען זיין צוויי־שפראכיג. דאס איז ניט קיין אומגליק. באהערשען א פרעמדע שפראך איז גראד א מעלה. דער חסרון הויבט זיך אן יעמאלט, ווען די פרעמדע שפראך באהערשט דיך, באהערשט דאס שאפען פון דעם פאלק.

גראד די שטארקסטע אידישע טאלאנטען, גראד די שפיצען פון דער אידישער אינטעליגענץ, גראד די רייכסטע באשאפערישע כוחות אונזערע וועלען ניט קאנען ביישטעהן דעם נסיון פון וועלען נעהמען דעם טעטיגסטען אנטייל אין דער אנטוויקלונג פון דער אלגעמיינער שטאאטס־קולטור אין דער שפראך פון דער מאיאריטעט. מיר וועלען יעמאלט קאנען זיין צופריעדען, ווען יעדע אידישע שאפענדע קראפט וועט אויך ניט פארווארפען די שפראך פון אונזער פאלק און וועט אויך אונז פון צייט צו צייט צווארפען א ביינדעל פון איהר רייכען טיש. אזא אידישע קולטור איז ממילא לכתחילה פאר׳משפט צו בלייבען א ר ע ם , צו ניט קאנען אויפהויבען זיך אויף יענער הויך, וואס איז אנגעמאסטען אן דער קראפט פון דעם אידישען באשאפענדען זשעני.

א חוץ דעם וועט א אידישע קולטור אין גלות אויך קיינמאל זיך ניט קאנען באפרייען פון א געוויסער א י י נ ז י י ט י ג ק י י ט.

א פאלק וועבט זיינע אייגענע קולטור־פארמען ניט נאר ווען ער שאפט פריי אין די העכערע עולמות פון דער גייסטיגער וועלט: אין וויסענשאפט, קונסט, רעליגיע, פילאסאפיע. נאך וויכטיגער איז די זעלבסט־שטענדיגקייט פון א פאלק אין דעם בוי פון זיין

מאטעריעלען לעבען, אין דעם צענויפשטעל פון זיינע עקאָנאָמישע באַציהונגען, אין דער אָרגאַניזאַציע פון זיין ארבייט און זיין טעכנישען פּראָגרעס, אין דער אויסאַרבייטונג פון זיינע יורידישע באַשטימונגען, פון זיינע פּאָליטישע און סאָציאַלע לעבענס־פּאָרמע, — קורץ אין דעם אַרויסברענגען פון יענע וואַרצלען, וואָס שפּייזען דעם גאַנצען בוים פון דער העכערער מענשליכער קולטור.

דער טעכנישער פּראָגרעס און דער גאַנצער אַרבייטס־פּראָצעס פון אַ פאָלק, זיינע עקאָנאָמישע באַציהונגען, זיינע רעכטס־נאָרמען און באַגריפען, זיינע סאָציאַלע און פּאָליטישע לעבענס־פאָרמען, — זיי אַלע מוזען אַרויפלעגען אַ קלאָרען שטעמפּעל אויף אַלע אַנדערע צווייגען פון דער מענשליכער קולטור. אַ פאָלק, וואָס קאָן ניט זיין קיין באַלאַבאָס אויף זיין עקאָנאָמיש־טעכנישער, יורידישער, פּאָליטישער און סאָציאַלער קולטור, קאָן ניט זיין קיין באַלאַבאָס אויף די וואָרצלען, וואָס שפּייזען זיין גאַנצען קולטורעלען בוים און ממילא קאָן ער ניט זיין זעלבסטשטענדיג אונאָפּהענגיג אין קיין צווייג ניט.

כדי אָבער צו זיין דער באַלאַבאָס אויף די וויכטיגסטע, די פונדאַמענטאַלע צווייגען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, מוז מען האָבען אַן אייגען לאַנד, אין וועלכען מען זאָל קאָנען געשטאַלטען די געזעלשאַפטליכע לעבענס־פאָרמען נאָך דעם אייגענעם ווילען.

דאָ קומען מיר צו אַ פונקט פון אַן אונגעהויערער צענטראַלער באַדייטונג פאַר דאָס לעבען פון אונזער פאָלק. מיר אידען נויטיגען זיך מעהר, איידער אַלע אנדערע פעלקער, אין דער מעגליכקייט צו זיין דער פולער באַלאַבאָס איבער דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער זייט פון אונזער לעבען.

דער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער געדאַנק האָט שוין לאַנג אַרויס־געבראַכט דעם אמת, אַז אונזער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פאָלקס־אָרגאַניזם איז אַבנאָרמאַל און אַז פון דיזער אַבנאָרמאַ־

ליטעט ליידען מיר סיי אין דעם אינוועניגסטען לעבען סיי אין אונזער מיט־לעבען מיט אונזערע שכנים.

איך האב די לאגע אמאל פארמולירט אזוי : אונזער עקאנאמיש־סאציאלער ארגאניזם איז א גוף, וואס באשטעהט נאר פון אדערן, נערוועז און א רייכען מארך־אפאראט. איהם פעהלען די מוסקעלן און די קנאכען. מיר לעבען הויפטזעכליך פון האנדעל, קאפיטאליסטישע אונטערנעהמונגען און ליבעראלע פראפעסיעס. אונז פעהלט די פיזישע ארבייט און איבערהויפט די אידישע לאנד־ארבייט.

אט דער גרונד־פאקט איז דער מקור פון דעם גאנצען עקאנאמישען אנטי־סעמיטיזם, פון וועלכען אונזער פאלק האט אזוי פיעל געליטען אין דעם משך פון זיין גאנצער גלות געשיכטע. אין גלות זענען מיר איצטער געצוואונגען אריין צו לאזען אונזערע אדערן, נערוועז און דעם מארך־אפאראט אין פרעמדע מוסקעלן און קנאכען, כדי צו ציהען פון דארטען חיונא. מיר מוזען דערנעהמען דעם שכן ביז'ן ביין, מיר מוזען איהם ענג מאכען זיין אייגענע הויט, און ער מוז רעאגירען דערויף, אנגעצונדען ווערען מיט שנאה צו אונז און שפריינגען פון זיין הויט ארויס.

פון דער אנדער זייט שטאמען פון דעמזעלביגען מקור אלע איינזייטיגקייטען, אלע ווידערווערטיגע מקח־וממכר־שטריכען פון אונזער איצטיגען קליין־הענדלערישען פאלקס־כאראקטער, פון וועלכען מיר ליידען סיי אין דעם אינוועניגסטען עפענטליכען לעבען, סיי אין דעם מיט־לעבען מיט אונזערע שכנים פון ארום.

די פראגרעסיוו־נאציאנאלע טעטיקייט מוז קודם־כל זיך א ווארף טאן אויף דער געזונד־מאכונג פון אונזער סאציאל־עקאנאמישען ארגאניזם, אויף די אנטוויקלונג פון אלע צווייגען ארבייט אין אונזער לעבען בכלל און דער אנטוויקלונג פון ערד־ארבייט בפרט, כדי אויך אונזער פאלקס־לעבען זאל אוועקגעשטעלט ווערען אויף דעמזעלבען יסוד פון פיזישער מענשליכער ארבייט, אויף וועלכען עס רוהט דאס לעבען פון יעדען נארמאלען פאלק.

אַלע כוחות וועלען מיר מוזען אָנשטרענגונגען, כדי צו דערגרייכען יענעם ציעל. אָבער וועלכע אויסזיכטען אין דעם פּרט האָבען מיר אין די גלות-לענדער?

זייענדיג אומעטום אַ מינאָריטעט, האָבען מיר אומעטום די מעגליכקייט צו פאַרנעהמען די בעסטע פּלעצער צווישען דער ניט ארבייטענדער מינאָריטעט. אונזער פּיזישע אַרבייט האַלט זיך אויף היהנערשע פּיסלעך. וואו עס איז נאָר מעגליך, פאַרלאָזט דער אידישער אַרבייטער דעם אַרבייטער-קלאַס און דרינגט אריין אין די באַלאַבאַטישע פּראָפעסיעס. און מעגליך איז דאָס איהם אומעטום, וואו דאָס לאַנד איז פריי פון אַנטי-סעמיטישע פאַרפאָלגונגען און וואו דער אַרבייטער קאָן צונויפשפּאָרען אַ פּאָר גראָשען, כדי צו קאָנען אָוועקוואַרפען די אַרבייט.

געוויס, מוז מען אויך אין גלות ניט אויפהערען צו אַרבייטען אויף דער געזונד-מאַכונג פון אונזער עקאָנאָמישען לעבען. ווי אין אַלע פּרטים, וועט מען אויך דאָ דאַרפען אָנשטרענגען דעם ווילען צו אַ נאָרמאַלען פאָלקס-לעבען, כדי לאָז זיין וויפיעל עס איז פּטור צו ווערען פון אונזערע פאַרהויקערטקייטען. און אויך דאָ וועלען מיר מוזען אויסגעבען איבעריגע ענערגיע, כדי צו דערגרייכען לאָז זיין די מינימאַלסטע רעזולטאַטען.

אָבער דאָס שפּרינגט דאָך אין די אויגען, אַז אין אַן אייגענעם לאַנד, וואָלטען מיר גלייך געוואָרען פריי פון די אַלע צרות. אין אַן אייגענעם לאַנד מ ו ז ע ן אַלע אַרטען אַרבייט בעזאָרגט ווערען פון דעם אייגענעם פאָלק.

שוין אָט דער צענטראַלער פּונקט אַליין איז גענוג צו געבען אַ קלאָרע תשובה אויף דער פראַגע, אויף וואָס דאַרפען מיר אַן אייגען לאַנד.

מ י ר נ ו י ט י ג ע ן ז י ך א י ן א ַ ן א י י ג ע נ ע ם ל א ַ נ ד, ו ו י י ל נ א ָ ר א י ן א ַ ן א י י ג ע נ ע ם ל א ַ נ ד ק א ָ נ ע ן מ י ר ג ע ז ו נ ד ו ו ע ר ע ן ע ק א ָ נ א ָ מ י ש א ו ן ס א ָ צ י א ַ ל, ו ו י י ל נ א ָ ר ד א ָ ר ט ע ן ק א ָ נ ע ן

מיר איז גאַנצען פּטור ווערען פון אַלע ביילען און געשווירען, קערפּערליכע און פּסיכישע, וואָס שטאַמען פון אונזער הענדלער־לעבען אין די גלות־לענדער.

אָבער אַ חוץ דעם און אַ חוץ די פריהער אויסגערעכענטע אַר־גומענטען זענען דאָ נאָך אַנדערע טעמים, פאַר וואָס מיר מוזען שטרעבען צו אַן אייגענעם לאַנד.

שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע אויף אונזער אינטערנאַציאָנאַלער שטעלונג. וואָס פאַר אַ ראָלע שפּיעלען מיר, ווי אַ פּאָלק, אין דער אַלוועלטליכער פּאָליטיק, צווישען די איבעריגע פעלקער פון דער מענשהייט?

מיר זענען ניטאַ צווישען זיי, מען רעכענט זיך ניט מיט אונז אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען לעבען. אַ פּאָלק פון באַלד פופצעהן מיליאָן מענשען האָט ווייניגער באַדייטונג אין דער וועלט־פּאָליטיק, איידער די מאָנטענגרינער, וואָס צעהלען ניט מעהר ווי אַ האַלבע מיליאָן.

פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? ווייל אין דעם איצטיגען פעריאָד פון דער מענשליכער געשיכטע, קאָן נאָר אַזאַ פּאָלק האָבען אַ דעה אין דער אַלוועלטליכער פּאָליטיק, וואָס האָט אַן אייגען לאַנד. און אַנדערס קאָן דאָס ניט זיין, און אַזוי וועט דאָס מוזען פאַרבלייבען אַזוי לאַנג, ביז די מענשהייט וועט זיך נאָך נויטיגען (אָדער זי וועט מיינען, אַז זי נויטיגט זיך נאָך) אין דער עקזיסטענץ פון באַזונדערע שטאַאַטען און לענדער.

ווי וויכטיג אַן אייגען לאַנד איז פאַר אַ פּאָלק און ווי וויכטיג פּאָליטישע זעלבסט־שטענדיגקייט איז פאַר איהם, כדי די וועלט זאָל זיך מיט איהם רעכענען, האָט אונז ערשט דער איצטיגער קריעג געלערנט. אַ פּאָלק, וואָס איז דער פּאָליטישער באַלאַבאָס פון זיך אַליין, האָט די מאַכט צו באַשטימען, צי זיינע קינדער זאָלען געהן אין קריעג, אָדער זיי זאָלען בלייבען רוהיג און ביים לעבען אין דער היים. אַ פּאָלק, וואָס האָט ניט קיין אייגענע היים, מוז

אוועק געבען זיין בלוט און גוט אין א קריעג, מיט וועלכען ער קאן גאר אפשר לכתחילה ניט סימפאטיזירען.

דער יונגער סאציאליסטישער גלות־נאציאנאליזם האט די אלע אלף־בית אמת'ען פון דער אינטערנאציאנאלער פאליטיק גאנץ גוט געקאנט פארשטעהן, אבער ער איז געבארען געווארען אין א צייט און אין א פסיכאלאגישער אטמאספערע, אין וועלכער מען האט גערעדט פון טאג אויף טאג אויף דאס אריינשטורעמען פון א סאציאלער רעוואלוציע, וואס וועט מאכען א סוף צו דער איינטיילונג פון אונזער מוטער ערד אין איינצעלנע לענדער און פון אונזער איינהייטליכער מענשהייט אין שטאאטען: וואס וועט אויך אפשאפען די אויבערהארשאפט פון איין פאלק און קולטור אויף אנדערע פעלקער און קולטורען, און אויף אזא'ן אופן אפעפענען פאר אלע פעלקער דעם וועג פאר א פרייער נאציאנאל־קולטורעלער אנטוויקלונג.

ער האט דאריבער געשטרעבט, אויך פאר זיין אידיש פאלק אוועקצולעגען דעם פונדאמענט פאר א פרייער אייגענער נארמאלער קולטורעלער אנטוויקלונג. די פראבלעמען פון דעם איצטיגען צווישען־פעלקערליכען לעבען און די גרויסע ראליע, וואס אז אייגען לאנד און אן אייגענער פרייער שטאאט שפיעלען אין די פראבלעמען, האט ער א לאנגע צייט אין גאנצען געקאנט ארויסלאזען פון אויג.

אט דער אוטאפיסטישער בליק זיינער האט זיך אבער געמוזט בייטען, קוים עס איז איהם געווארען קלאר, אז א סאציאלע רעוואליוציע מאכט מען ניט אויף באשטעלונג, אז קיינער קאן ניט וויסען, ווען זי וועט אריינטרעטען, וואס פאר א פארמען זי וועט אננעהמען, און וואס פאר א ראלע עס וועלען אין איהר שפיעלען די איינצעלנע שטאאטען, און ווי לאנג די צוטיילונג אין לענדער און שטאאטען וועט נאך אנהאלטען אפילו אין א שוין סאציאליסטישער מענשהייט.

קאן מען אבער אויף די פראגען ניט געבען קיין זיכערען ענט־

פער, מוז מען נעהמען די מענשהייט, אזוי, ווי זי איז איצטער, ניט נאר א צוטיילטע אין פעלקער, נאר אויך אין שטאאטען און לענדער. און זעהען, אז דאס אייגענע פאלק זאל ניט זיין באשטעלט ערגער, איידער אלע אנדערע פעלקער: אז עס זאל אויך האבען, אלץ, וואס א פאלק דארף האבען כדי צו לעבען פריי, זעלבסט־שטענדיג, נאר־מאל, זיין דער באלאבאס אויף זיין אייגענעם גורל אין דער היים און זיין א גלייכבארעכטיגטער מיטגליעד אין דעם צווישען־פעל־קערליכען לעבען.

און פון נאך אן אוטאפיסטישען בליק האט זיך דער יונגער סאציאליסטישער גלות־סאציאליזם געמוזט מיט דער צייט באפרייען. עס האט זיך איהם געדוכט, אז פאר דער סאציא־ליסטישער וועלט לפחות איז קיין אונטערשייד ניטא צווישען א פאלק מיט א לאנד און א פאלק אהן א לאנד: אז דאר־טען לפחות דארף מען ניט קוקען אויף דעם, וואס איינער האט, נאר אויף דעם, וואס איינער איז: אז דער אידישער סאציאליזם וועט אין דעם סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל קאנען שפיעלען דיזעלביגע בכבוד'ע ראליע, וועלכע עס שפיעלען אין איהם אלע אנ־דערע פעלקער מיט א שטארקער סאציאליסטישער באוועגונג. איך מיין דא, פארשטעהט זיך, ניט יענע ראליע, וועלכע איינצעלנע אי־דישע סאציאליסטען שפיעלען אין דעם אינטערנאציאנאל ניט ווי אידען, נאר ווי פארטרעטער פון אנדערע פעלקער און לענדער. איך מיין דא די באדייטונג פון דעם גאנצען אידישען פאלק, ווי א פאלק, פאר דעם אלוועלטליכען פראלעטאריאט.

עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז אויך אין דער סאציא־ליסטישער וועלט רעכענט מען זיך מעהר מיט איינעם'ס "האבען„ איידער מיט איינעם'ס "זיין„. און אז דאס איז מחמת דעם גאר פשוט'ען טעם, וואס אין דער איצטיגער וועלט העננט אב דאס "זיין„ פון דעם "האבען„.

א ביישפיעל וועט אונז קלאר מאכען דעם ענין.

שטעלט אייך פאר, אז די גרעסטע מאיאריטעט פון דעם שוויי־

צאַרישען פאָלק, וועלכער צעהלט אין גאַנצען אַ דריי און אַ האַלב מיליאָן מענשען, איז געוואָרען סאָציאַליסטיש, האָט דורכגעפיהרט אַ זיעגרייכע רעוואָלוציע, און האָט באַשלאָסען איינצופיהרען דעם סאָציאַליזם אין דעם לעבען פון דעם אייגענעם פאָלק, צוליעב די אייגענע לעבענס-נויטען. וואָס פאַר אַ געוואַלטיגע היסטאָרישע טאַט דאָס וואָלט געווען אין דער וועלט! וואָס פאַר אַ געוואַלטיגע פאַסירונג אין דעם לעבען פון דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַ-ציאָנאַל!

די בורזשואַזע שכנים, — דייטשלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליען, עסטרייך, — וואָלטען אפשר דערקלעהרט קריעג דעם חוצפּה'נעם קליינעם לענדעלע. די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון דער גאַנצער וועלט וואָלטען אפשר זיך געמוזט אריינוואַרפען אין קאַמף, און די סאָציאַלע רעוואָלוציע וואָלט אפשר יעמאָלט געמוזט אויפפלאַקערן אין דער גאַנצער וועלט.

און אפילו, ווען מען וואָלט שווייצאַריע געלאָזט צורוה, וואָלט איהר היסטאָרישע טאַט אוועקגעשטעלט דעם סאָציאַליזם אויף דעם סדר היום פון דער אַלוועלטליכער פּאָליטיק.

איצטער שטעלט זיך פאַר, אַז אַלע פופצעהן מיליאָן אידען פון דער גאַנצער וועלט, מיט די קינדער אין די וויעגען, זענען געוואָרען סאָציאַליסטען. וואָס וואָלט פּאַסירט? גאַר נישט וואָלט פּאַ-סירט! קיין סאָציאַלע רעוואָלוציע וואָלטען זיי ניט געקאָנט ארויסברענגען, קיין נייע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וואָלטען זיי ניט געקאָנט אויפבויען, ווייל זיי האָבען ניט דעם פּ ל אַ ץ, אויף וועלכען מען קאָן בויען אַ נייע געזעלשאַפט: זיי האָבען ניט קיין אייגען לאַנד.

געהט נאָך ווייטער! שטעלט אייך פאַר אַז אַלע אידען פון דער גאַנצער וועלט האָבען באַשלאָסען, לפּחות אין זייער אייגענעם לעבען דורכצופיהרען די פּרינציפּען פון דעם ריינעם קאָמוניזם, — וואָלט דאָס אפשר געקאָנט מאַכען אַ רושם אויף דער סאָציאַל-פּאָלי-טישער אַנטוויקלונג פון דער וועלט? ניט אויף אַ האָר!

עס וואָלט באַשאַפען געוואָרען אַ ווייט פאַרצווייגטע ק אַ -

מוניסטישע סעקטע (לאמיר אננעהמען אז זי קאן זיך האלטען), וואס לעבט זיך איהר קאמוניסטישען לעבען, ווי עס לעבען זיך רוהיג און פריעדליך די קריסטליכע מאנאכען אין זייערע קאמוניסטישע מאנאסטירען.

און טאמער וואלטען די אידישע קאמוניסטען ארויסגעטרעטען אומעטום מיט אן ערנסטער פראפאגאנדא און אגיטאציע און אנהויבען מאכען רעוואלוציאנערע שטיק אין די לענדער, וואו זיי וואוינען, וואלט פון זיי קיין שריד ופליט ניט געבליבען.

דער סאציאליסטישער אינטערנאציאנאל אינטערעסירט זיך ניט מיט דעם אידישען פאלק און מיט דעם גורל פון דעם סאציאליזם ביי דעם אידישען פאלק, ווייל דאס אידישע פאלק האט גאר נישט און קאן איהם גאר נישט ניט געבען. דער אינטערנאציאנאל איז בלוטיג פאראינטערעסירט אין דער פארשפרייטונג פון דעם סאציאליזם, ביי די פאר מיליאן בולגארען, ווייל א פאר מיליאן קאנען א מאל א קעהר טאן דעם גאנצען שיקזאל פון דער וועלט. און א שטארקע סאציאליסטישע פארטיי ביי די בולגארען קאן זיי צווינגען דערצו, — ווי דאס האט פאקטיש פאסירט אין דעם איצטיגען וועלט־קריעג, — בעת אין דעם גורל פון דעם סאציאליזם ביי די צעזעעטע און צעשפרייטע אידען איז דער אינטערנאציאנאלער סאציאליזם פאראינטערעסירט נאר פלאטאניש, אזוי צו זאגען, פון ריינער מענשליכקייט וועגען. און ווען עס שווימען ארויף אויף דעם אינטערנאציאנאל פראבלעמען פון דער אידיש סאציאליסטישער באוועגונג, ווערט ער נערוועז. אומגעדולד, להוט אבצו'פטר'ען דעם עניין וואס גיכער, און ער וואונדערט זיך, וואס מען דרעהט איהם א ספאדעק מיט פראבלעמען, וועלכע געהערען צו דעם אינוועניגסטען לעבען פון זיינע איינצעלנע פעלקער, ד. ה. פון די שטאאטען, וואס קאנען איהם עפעס געבען, אדער פון יענע פעלקער, וואס קאנען ווערען שטאאטען.

דאס אידישע פאלק, ווי א פאלק, מוז האבען א צרה'דיגע

מערכה אין דעם אינטערנאַציאָנאַל, ווייל אַהן אַ לאַנד קאָן ער נאָר שפּיעלען אַ צרה'דיגע ראָליע אין דעם אַלוועלטליכען סאָציאַליזם. און אקוראט אזא צרהדיגע מערכה, ווי די וועלכער דער אידישער סאָציאַליזם בכלל האָט ביי דעם אַלוועלטליכען פּראָלעטאַריאַט. האָט יעדע איינצעלנע אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג ביי דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און ביי דער אַרבייטער וועלט פון יענעם לאַנד, אין וועלכען זי קומט פאָר.

איך ווייס ניט, צו מען דאַרף דעם פּונקט אויסוועלגערען נאָך לענגער. די דיקע טייג קאָן יעדער מיט די פינגער אָנטאַפּען. מען דאַרף זיך נאָר דערמאָהנען אָן דער ראָליע וועלכע דער „בונד" האָט געשפּיעלט אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און אָן דער ראָליע, וועלכע די „אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע" שפּיעלט דאָ אין לאַנד.

דעם טעם דערפון איז דאָ ניט גאַנץ דערזעלביגער, וואָס אויבען: פאַר דעם סאָציאַליזם פון דעם לאַנד קאָן ניט זיין אַלץ איינס, צי די אידישע אַרבייטערשאַפט און די אידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ וועט איהם אונטערשטיצען, אָדער ניט. די אידישע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע איז אַ קראַפט, מיט וועלכער קיין ערנסטער פּאָליטיקער טאָר זיך ניט ארומווארפען. אָבער *אין דער ערשטער ליניע* שטעהט פאַר דעם סאָציאַליזם פון אַ לאַנד די פאַרשפּרייטונג פון זיינע אידעאַלען צווישען *יענע* פעלקער, וואָס גיבען די גרעסטע צאָל פּראָלעטאַריער און *פיזיש אר־ביטענדע עלעמענטען*: וואָס באַזיצען אַ געוויסען טייל פון דער טעריטאָריע אין דעם לאַנד. און דאָרטען, וואו עס איז דאָ אַ הערשענד פאָלק, מוז די הויפּט־טעטיגקייט פון דער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי זיין אָנגעווענדעט אויף דער געווינונג פון דעם הערשענדען פאָלק.

אידען זענען הינטערשטעליג אין די אַלע דריי פּרטים: זיי זיינען אין זייער מאַיאָריטעט ניט קיין אַרבייטס־פאָלק, נאָר אַ הענד־לער־פאָלק; זיי באַזיצען ניט קיין איין טייל פון דעם לאַנדס טע־ריטאָריע, און קאָנען אין די גרעניצען פון אָן אָרטליכער, ראַיאָנער

פארוואלטונג מיט די אייגענע כוחות גארנישט ניט דורכפיהרען: און וועגען זיין א הערשענד פאלק, אדער צוגערעכענט ווערען צו די הערשענדע פעלקער פון א לאנד, מיט וועמעס מיינונג דאס לאנד מוז זיך רעכענען, איז דאך וועגען אידען אפגערעדט.

אויב אלע אידען פון א לאנד זאלען זיך ארויסזאגען פאר דעם סאציאליזם, בעת די איבעריגע באפעלקערונג זאל בלייבען קאלט צו איהם אדער גאר פיינדליך, וועט דאס, א דאנק דעם אלטען מיס־טרויען און דער איינגעווארצעלטער אנטיפאטיע צו אונז, ניט נאר ניט פארשטארקען די פאזיציע פון דעם סאציאליזם, נאר אדרבה אפשר גאר שעדיגען איהם: ווייל די באפעלקערונג קען זיך באַ־ציהען מיט חשד צו א באוועגונג, פאר וועלכע די אידען האבען זיך אנגעכאפט.

דעם סאציאליזם איז געווים טייער די אידישע רעוואלוציאנערע ענערגיע; אבער מחמת די אויבען אויסגערעכענטע טעמים — און נאך א סך אנדערע — וויל ער האבען יענע ענערגיע ניט אין איהר אידישער געשטאלט, ניט אונטער א אידישען פלאג און א אידישען נאמען. ער וועט אויפנעהמען מיט צושפרייטע ארעמס יעדען רע־וואליוציאנערען אידען און ניט שטערען איהם צו פארנעהמען יע־נעם פלאץ אין דער באוועגונג, וועלכען ער פארדיענט לויט זיינע פעהיגקייטען, מיט דעם איינציגען תנאי: ער זאל ניט ארויסטרעטען אין דעם נאמען פון זיין פאלק, ער זאל ארבייטען ווי א פארטרעטער פון דער ניט־אידישער באפעלקערונג.

אן אבראהאם קאהאן, א שיפליאקאף וועלען קיינמאל ניט האַ־בען יענעם פרעסטיזש אין דער באוועגונג, וואס עס האט א הילקוויט און א סעמיועל גאמפערס. עס איז דא ניט די פראגע פון פעהיג־קייטען, נאר פון דעם נאציאנאלען ארבייטס־פעלד: קאהאן און שיפליאקאוו זענען די פארטרעטער פון א נאציע, וואס קאן ניט האבען קיין גרויסען ווערטה פאר דעם סאציאליזם.

מאיר לאנדאן איז א קלענערער מיוחס, איידער א וויקטאר בערגער, ווייל מאיר לאנדאן ווערט געשיקט אין קאנגרעס פון דער איסט־סייד.

אַ איד, אַז עפּענטליכער טוער, וואָס גיט אוועק זיין גאַנצע ענערגיע אַ וועלכער עס איז ניט אידישער פּאַרטיי, און טרעט ארוים אין איהר נאָמען, קאָן דערגרייכען די העכסטע שטאַפּלען פון מאכט און אנערקענונג. מען וועט איהם אויך מוחל זיין זיינע נאַציאָנאַל־אידישע שטרעבונגען, אויב ער האָט אַזעלכע. קוים אָבער וועט ער מאכען ערנסטע שריט צו אַ ר ב י י ט ע ן צווישען אידען, אריבערטראָגען דעם צענטר פון זיין ארבייט אויף דאָס אייגען פעלד, אזוי ווערט ער ווי מיט וואַסער פארגאָסען : ניטאָ איהם מעהר אויף דער וועלט. די ערפאַהרונג האָב איך געמאכט אין מיין אייגענעם לעבען און איך וואָלט געקאָנט אָנפיהרען נאָך אַנדערע, מיר פּערזענליך באַקאַנטע ביישפּיעלען, וואָס אילוסטרירען דעמזעלביגען ענין.

כל זמן מען ארבייט צווישען אידען איז מען אַ גאָרנישט. מען ווערט אַן "עפּעס„ ווי נאָר מען הויבט אָן ארבייטען פאַר ניט־אידען. מיט קיין פאָלק איז דאָס ניט אזוי, נאָר מיט אונז, און אַנדערש קאָן דאָס ניט זיין, ווייל אָהן אַ לאַנד האָבען מיר קיין ווערטה ניט פאַר דער סאָציאַליסטישער באוועגונג.

דערזעלביגער פאַקט מוז זיך אָפּרופען צום שלעכטען אויף דער אויסשטאַלטונג פון דעם אידישען סאָציאַליזם גופא. אַ גרויסער, זעהר וויכטיגער טייל אידישע סאָציאַליסטען מ ו ז מחמת דעמזעלביגען טעם פאַרלאָזען די אייגענעם היים און אריבער געהן צו דער הערשענדער סאָציאַליסטישער באוועגונג פון דעם לאַנד.

איך רעד שוין דאָ ניט פון אמביציעזע נאַטורען, וועלכע קאָנען ניט אריבערטראָגען די ענגקייט פון אונזערע דלת אמות, וואָס בענקען נאָך אַ ברייטען ים, וואו זייער גרויס געבויטער אַקרענט זאָל קאָנען פאַנאַנדערשפּאַנען אַלע זיינע לייוועגטען און אויפנעמען דעם קאַמף מיט אַלע ווינטען.

אַ טייל פון זיי, וואָס האָט ניט פאַרלאָזען דעם צובונד צו אונזער פאָלק, לעבט דורך ניט ווייניג טראַגישע מאָמענטען אַ דאַנק זייער אינוועניגסטער צעריסענקייט, אַ דאַנק זייער ווארפען זיך אַהין און אַהער.

איך האָב דאָ אין זינען אַ גאַנץ אַנדער אַרט וויכטיגע סאָציאַ־ליסטישע טוער, וואָס קאָנען עהרליך טאָן זייער אַרבייט פאַר דער אַלגעמיינער באַפרייאונג ד אָ ר ט ע ן , וו אוּ מ ע ן ד אַ ר ף ז י ט אָ ן , אַלץ איינס, צי עס איז זיי ענג אָדער גראַם אין יענעם פעלד, וואו זיי געפינען זיך : זיי קוקען ניט דאַרויף.

צווישען זיי זענען דאָ אַ סך אַזעלכע, וואָס זענען ב ל ו י ז סאָציאַליסטען, וואָס זיי קאָן קיין אַנדער אידעאַל ניט צוציהען צו זיך אַ חוץ דעם ד י ר ע ק ט ע ן קאַמף פאַר דער פאַרווירקליכונג פון דעם סאָציאַליזם. זיי מוזען זיך פרעגען : וואו וועלען זייערע כוחות אויפטאָן די גרעסטע פעולה פאַר דעם אַלוועלטליכען סאָ־ציאַליזם ? און דער ענטפער מ ו ז זיין : נ י ט אין דער אידישער סביבה, נאָר אין דער פרעמד.

און — אויב זיי האָבען די פעהיגקייט צו אַרבייטען ביי ניט־אידען, וועט שוין אַליין די פ ל י כ ט צו די אינטערעסען פון זייער איין־איינציגען אידעאַל אוועקנעהמען זיי פון דער היים : די וויכ־ציגקייט פון יענע רעזולטאַטען, וועלכע זיי קאָנען דערגרייכען אין די אידישע פיער ווענט, וועט זיי אָפשטויסען פון זיך.

אין דערינען טרעט אַרויס אפשר אם בולט'סטען דער גרויסער חילוק פון אַ פאָלק מיט אַ לאַנד ביז אַ פאָלק אָהן אַן אייגען לאַנד.

ביי אַלע פעלקער זענען דאָ אַזעלכע נאַטורען, וואָס גיבען זיך איבער צו איין איינציגען אידעאַל ; ריכטיגער געזאָגט : צו איין איינציגער ז י י ט פון דעם גרויסען אַלאומפאַסענדען מענשליכען באַפרייאונגס־אידעאַל. זיי זעהען נאָר די סאָציאַלע, פאָליטישע, עקאָנאָמישע און דאָס רוב מעהר פאַר אַלץ די מ אָ ר אַ ל י ש ע אַלגעמיין־מענשליכע זייטען פון דעם סאָציאַליסטישען קאַמף. אַלע אַנדערע פראָבלעמען פון דעם סאָציאַליזם — און דאָס נאַציאָנאַלע פראָבלעם בתוכם — ז ע נ ע ן נ י ט ז י י ע ר ז אַ ך . אָבער לעבענדיג אין דער היים, אין דעם אייגענער נאַציאָנאַלער אַטמאָס־פערע, אין דעם אייגענעם לאַנד, זענען זיי פריי פון וועלכע עס איז אינווענינסטע סתירות אין זייער נשמה.

זיי ארבייטען פאר דעם סאציאליזם און ניט מעהר, ווי פאר דעם סאציאליזם. אבער אביעקטיוו קומט אויס, א ז ז י י א ר ב י י ט ע ן פ א ר ז י י ע ר פ א ל ק, אז זיי העלפען איהם אין זיין אנטוויקלונג, אז מיט זייערע ענערגיען ווערען אויפגעלעבט און פארשטארקט די לעבענס־ענערגיען פון דעם פאלק גופא.

אויף אזא'ן אופן ווערט אי די עקזיסטענץ־קראפט פון דעם פאלק פארשטארקט, אי זיין סאציאליזם ווערט געשפייזט פון די בעסטע, די געזינדסטע זאפטען.

גאנץ אנדערס ב י י א פ א ל ק א ה ן א ל א נ ד, ביי א פאלק א צעריסענעם אויף פיצלעך, ביי א פאלק, וואס איז אומעטום א שוואכע מינאריטעט. די ריינע סאציאליסטען, ווי אויך יענע ברוויזענדע נאטורען, וואס בענקען נאך גרוים און ברייט, האבען קיין פלאץ ניט אין דער היים: זיי מוזען פריהער אדער שפעטער אנטלויפען פון איהר, אדער — זיך ארפלאזען, זיך אויסבייטען אויף קליין־געלד, מיט א גאנץ געוואלדיגען „לאזשע"־צוצאהל, אזוי אז פון דעם פריהערדיגען קאפיטאל בלייבען לסוף נאר א פאר צעבראכענע גראשענס.

דער גאנצער ענין וועט זיך גאנץ זיכער פארבעסערן, א דאנק דער נאציאנאלער גלייכבארעכטיגונג אין די גלות־לענדער גופא; דער עיקר, ווען דאס אידישע פאלק זאל אומעטום באקומען ניט נאר א נאציאנאל־קולטורעלע אויטאנאמיע, ווי דאס פארלאנגט דער „בונד", — וואס איז כמעט ווי א ריינע פריוואט־זאך, — נאר ווי דאס פארלאנגען איצטער אלע נאציאנאל־סאציאליסטישע פארטייען, — א נאציאנאלע פאליטישע אויטאנאמיע, וואס רייסט זיך אריין אין די פונקציעס פון דעם אלגעמיינעם שטאאטס־לעבען.

אין דעם אלגעמיינעם לעבען פון דער מדינה וועט יעמאלט שוין אויך עפעס אפהענגען פון דער ריין אידישער טעטיגקייט, און ממילא וועט די וואג און די באדייטונג פון דעם אידישען זיין אויף דער וועלט מוזען לפי ערך שטייגען.

פיעלעס וועט דאדורך מוזען פארבעסערט ווערען אין דער לאגע פון דעם אידישען סאציאליזם, אבער נאך מעהר וועט דערביי בליי־

בען ווי געוועז. און די פארבעסערונג וועט נאר זיין בנוגע דעם באדייט פון דעם אידישען סאציאליזם אין יעדען איינצעלנעם לאנד גופא. זי קאן ניט ווירקען אויף זיין מערכה אין דער אינטערנאציאנאלער וועלט. זי קאן איהם ניט באפרייען פון דער קללה, וואס ליעגט אויף איהם: ניט זיין ביכולת אויפצוטהאן עפעס רעכטס פאר דעם אלוועלטליכען סאציאליזם.

מ י ט נאציאנאלע גלייכבארעכטיגונג, ווי אהן איהר, וועט אונזער פאלק פון פופצעהן מיליאן מענשען אהן א לאנד קיינמאל ניט קאנען האבען יענע באדייטונג פאר׳ן סאציאליזם, וועלכע עס האט פאר איהם א פאלק פון בלויז א פאר מיליאן מענשען, אבער מיט אן אייגענעם לאנד און מיט א פאקטישער אדער מעגליכער פאליטישער זעלבסט־שטענדיגקייט.

אויף אזא׳ן אופן האט זיך דער סאציאליסטישער גלות־נאציאנאליזם אומעטום געמוזט אנשטויסען אן זיינע גרעניצען, אן זיין שארפער באגרעניצטקייט.

ער קאן נ י ט דורכפיהרען אין דער נויטיגער מאס א נארמאלע נאציאנאלע זעלבסט־דערהאלטונג, וואס זאל ניט געהן להיפך צו די אידעאלען פון דעם מענשליכען פראגרעס און זאל ניט קאסטען קיין איבעריגע, ארויסגעווארפענע ענערגיע.

ער קאן נ י ט גאראנטירען א פרייע קולטורעלע זעלבסט־אנטוויקלונג, אין וועלכען עס זאל ניט הערשען דער אנטאגאניזם פון צוויי קולטורען: דער אידישער און ניט אידישער.

ער קאן נ י ט צונויפזאמלען אלע אידישע שאפענדע קרעפטען אין איין באסיין, כדי דאס אידישע פאלק זאל ווערן א ב א ד י י ט ע נ ד ע ר פאקטאר אין דעם ארויסברענגען פון דעם אלגעמיין־מענשליכען פראגרעס.

ער קאן נ י ט שאפען קיין אייגענע פארמען אויף די אזוי וויכטיגע געביעטען פון דעם עקאנאמישען, פאליטישען און יורידישען לעבען.

ער קאן נ י ט געזונט מאכען דעם אידישען סאציאל־עקאנאמישען ארגאניזם, אוועקשטעלען אונזער לעבען אויף דעם יסוד פון

אַ ר ב י י ט און אויף אַזאַ׳ן אופן איין מאָל פאַר אַלע מאָל א ו י ס־ג ל י י כ ע ן אונזערע חשבונות מיט די שכנים.

ער קאָן נ י ט אויפהויבען דעם באַדייט פון דעם אידישען פאָלק, ווי אַ פאָלק, פאַר דער אַלוועלטליכער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און קאָן נ י ט גאַראַנטירען דעם אידישען סאָציאַליזם אַ נאָרמאַלען רייכען און פרוכטבאַרען וואוקס.

אָבער אַט די אַלע „ניט״׳ען זענען נ י ט ע ן, לעבענס־נויטען פון דעם אידישען פאָלק און פון זיין פּראָגרעסיווער אַלגעמיינער און סאָציאַל־פּאָליטישער אַנטוויקלונג.

אויף אַלע „ניט״׳ען און נויטען, — און נאָך אַנדערע דערצו — וואָס זענען די גרעניצען פון דעם גלות נאַציאָנאַליזם, האָט זיך געמוזט אַנשטויסען דער אידישער סאָציאַליסטישער געדאַנק, וואָס מעהר ער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין דעם מהות פון דער אידישער ווירקליכקייט און אין דעם ריכטיגען באַשאַף פון יענע קרעפטען, וואָס באַשטימען דאָס אידישע לעבען אין גלות: דער ט ע ר י ־ ט אָ ר י אַ ל י ז ם האָט געמוזט געבאָרען ווערען, ווי אַ נויטווענדיגער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון דעם אידישען סאָציאַליזם, ווי אַ נייער אידעען־שטח, וואָס האָט געמוזט עראָבערט ווערען פון איהם.

און אויך אויף דעם נייעם אידעען־שטח זיינען אויסגעוואַקסען וויכטיגע אמת׳ן, פון וועלכער דער אידישער סאָציאַליסטישער געדאַנק וועט זיך שוין קיין מאָל ניט אָפּזאָגען, — יענע אמת׳ן, וואָס האָבען אָפּגעשיידט דעם טעריטאָריאַליזם פון דעם אין זיין צייט הערשענדען אַלגעמיינעם ציוניזם.

דער הויפּט אמת פון דעם טעריטאָריאַליזם בעשטעהט אין זיין גרונד־געדאַנק, אַז מיר נויטיגען זיך אין אן אייגענעם לאַנד ניט צוליעב דעם, כּדי ווידער אויפצולעבען די אַלט־העברעאישע קולטור, וואָס האָט אַמאָל געהערשט אין ארץ־ישראל, און כּדי צו באַשאַפען אָפּגעפרישטע לעבענס־קוואַלען פאַר דעם אַלט געוואָרענעם „יודאַאיזם״.

די גרויסע און היסטאָרישע וויכטיגקייט פון דעם סאָציאַליס־

איז געווען און איז פאַרבליבן אַן א י י ר אָ פּ ע א י ש ע ר, אַ מאָ־דערנער, אַ וועלטליכער, אַ ס אָ צ י א ל ־ פּ אָ ל י ט י ש ע ר. אין דעם צענטער פון זיין אינטערעס זענען געשטאַנען און שטעהען ניט דער אָדער יענער ראָמאַנטיש־נאַציאָנאַלער אָדער יודאַאיסטי־שער שגעון, נאָר די גרויסע, אידישע פאָלקס־מאסען און זייערע טאָג־טעגליכע רעאַלע לעבענס־נויטען, — עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, נאַ־ציאָנאַלע און קולטורעלע לעבענס־נויטען, גשמיות'ידגע און רוחניות'דיגע, וואָס קאָנען אין זייער אומפאַנג באַפרידיגט ווערען נאָר אין אַן אייגענעם לאַנד און נאָר אין אַ סאָציאַליסטישער גע־זעלשאַפט.

און דער וויכטיגסטער היסטאָרישער באַדייט פון דעם טערי־טאָריאַליזם ליגט אין דעם, וואָס ער לאָזט ניט ארויס פון אויג די א י נ ט ע ר נ א צ י אָ נ א ל ע שטעלונג פון דעם אידישען פאָלק, וואָס ער שטרעבט צו באַשאַפען פאַר איהם אַזעלכע לעבענס־באַ־דינונגען, וועלכע זאָלען איהם מעגליך מאכען צו שפּיעלען די איהם קומענדע ראָליע ווי אַ פאָלק אין דער אַלוועלטליכער פּאָליטיק, אין דער אַנטוויקלונג פון דעם אַלוועלטליכען פּראָגרעס, און אין דער פאַרווירקליכונג פון דעם אַלוועלטליכען סאָציאַליזם.

ליידער האָט אויך דער טעריטאָריאַליזם געהאַט זיין באַגרע־ניצקייט, אַ פאַטאַלע באַגרעניצטקייט: ער האָט ניט געהאַט קיין מעגליכקייט צו טאָן אַ וועלכע עס איז, זאָל זיין די קלענסטע, ממשות'דיגע, פּראַקטישע טעריטאָריאַליסטישע אַרבייט.

בעת דער אַסימילאַטאָר און דער גלות־נאַציאָנאַליסט האָבען געוואוסט וו אָ ס זיי האָבען צו טאָן אין זייער טאָג־טעגליכען לעבען; בעת יעדער איינער פון זיי האָט נאָך גע־קאָנט עפּעס טאָן און ביסלעכווייז בויען מיט די אייגענע הענד דעם טעמפּעל פון יענער צוקונפט, צו וועלכער ער האָט געשטרעבט, האָט דער טעריטאָריאַליזם זיך געמוזט באַנוגענען מיט פּראָפּאַגאַנדאַ און קריטיק.

געקומען איז דאָס דערפון, וואָס אין דער זוכענים נאָך אַ אי־

דיש לאַנד, וואו אונזער פאָלק זאָל זיך קאָנען אַנטוויקלען אַבסאָלוט פריי, וואו ער זאָל קאָנען שאפען זיינע אייגענע פּאָליטישע און סאָציאַלע יסודות און ממילא אויך אייגענע יסודות פאר זיין קולטורעלער אַנטוויקלונג, האָט דער טעריטאָריאַליזם געוואָרפען בליקען אויף וועלכען לאַנד איהר ווילט, נאָר ניט אויף דאָס אַלטע לאַנד פון דעם אידישען פאָלק, נאָר ניט אויף ארץ־ישראל.

אָבער גראָד הארט ביי דעם געאָגראַפישען גרעניץ פון דעם טעריטאָריאַליזם, ביי די מזרח־ברעגען פון דעם ים־הגדול, איז געלעגען דאָס, וואָס עס האָט איהם געפעהלט, — דאָס אייגענע, אידישע לאַנד, וואו עס איז שוין געפיהרט געוואָרען ממשות'דיגע, פּראַקטישע טעריטאָריאַליסטישע אַרבייט. און גראָד האַרט ביי דעם גייסטיגען גרעניץ פון דעם טעריטאָריאַליזם איז געלעגען דער אידעען־שטח פון דעם אידיש־סאָציאַליסטישען געדאַנק, וואָס האָט געמוזט עראָבערט ווערען : דער פּועלי ציוניזם.

איך מוז פאַר דעם צוקונפטיגען היסטאָריקער איבערלאָזען די אויפגאַבע אויסצופאָרשען, צי מיר, די סאָציאַליסטישע טעריטאָריאַליסטען, וואָס האָבען זיך איצטער אַנגעשלאָסען אַן דער פּאַרטיי פּועלי־ציון, זענען געווען גערעכט, ווען מיר זענען אזוי לאַנג געשטאַנען דרויסען פון דעם ציוניסטישען געדאַנק.

עס קאָן זיין, ער וועט געפינען, אז די לאַגע פון דעם ציוניזם פאַר דעם וועלט־קריעג, מיט זיין גלויבען אין קליין־קאָלאָניזאציע אונטער דער טערקישער הערשאפט, צוליעב א קליין אידיש לענדעלע מיט א העברעאישער קולטור, איז געווען אזא, אז קיין ערנסטער טעריטאָריאַליסט האָט ניט געטאָרט שענקען איהם קיין איין ברעקעל ערנסטע אויפמערקזאמקייט.

עס קאָן אָבער זיין, אז ער, דער היסטאָריקער, וועט ארויסטראָגען פאר אונז אן אנדער אורטייל. מען האָט געמעגט, וועט ער אפשר זאָגען, שוין יעמאָלט פאַרשטעהן, אז די טערקישע הערשאפט קאָן ניט זיין אייביג ; אז א קליין־קאָלאָניזאציע איז בעסער, ווי גאָר ניט קיין קאָלאָניזאציע, ווייל זי גיט ממשות'דיגע טעריטאָריאַליסטישע

ארבייט און באשאפט פאזיציעס אין לאנד, וואס קאנען שפעטער גריילעך צוניץ קומען, און אז די העברעאיסטישע קולטור הענגט אפ פון די, וואס בויען זי: וואלטען מיר געבויט א ו נ ז ע ר ע קא־לאניעס, וואלטען מיר זיי געבויט אין יענעם גייסט, אין וועלכען מ י ר וואלטען געוואלט.

דאס קאן אלץ זיין, און מיר בויגען לכתחלה אונזער קאפ פאר'ן גזר־דין פון דעם צוקונפטיגען היסטאריקער. אבער דער פ א ק ט איז, אז א דאנק דעם וועלט־קריעג און דער נייער פאליטישער לאגע, וועלכע ער האט באשאפען, האט דער סאציאליסטישער טעריטא־ריאליזם געמוזט איינזעהען, אז פון אלע לענדער אויף דער וועלט האט ארץ ישראל די גרעסטע שאנסען צו ווערען צוריק דאס לאנד פון דעם אידישען פאלק און אז אומגעהייער וויכטיגע פאליטישע רעפטען ווערען אלץ מעהר און מעהר פאראינטערעסירט אין דער דורכפיהרונג פון דעם ציוניסטישען אידעאל.

מיט דעם גופא, האט דער אידישער סאציאליסטישער געדאנק אריבערגעשריטען זיין לעצטען גרעניץ און איז געווארען פועלי ציו־ניסטיש, ווייל דער פועלי־ציוניזם איז אין זיין תוך אריין ניט קיין אנדער זאך, ווי דער סאציאליסטישער טעריטאריאליזם, וואס פאר־לירט זיין פאטאלע באגרעניצטקייט, זיין אבסטראקטען כאראקטער. און געהט אריבער צו דער פראקטישער פארווירקליכונג פון זיין אי־דעאל.

אבער דא, אין דעם פועלי־ציוניזם, און דעם לעצטען אנטוויק־לונגס־עטאפ פון דעם אידיש סאציאליסטישען געדאנק, ווייזט זיך פלוצים ארויס, אז מיר זענען געקומען צוריק צו יענעם אויסגאנגס־פונקט, פון וואנען דער אידישער סאציאליסט איז ארויסגעגאנגען.

מיר זענען אנטלאפען פון דער אידישער וועלט. ווייל זי איז געוועזן פינסטער און וויסט און דער גייסט פון רעאקציע האט גע־שוועבט איבער איהרע זומפען. מיר האבען ניט פארשטאנען, אז איהר געפאלענער מצב איז געווען א נויטווענדיגער היסטארישער

רעזולטאט פון איהר מאוים'דיג טראגישען קאמף פאר דער נאציא־נאלער עקזיסטענץ, — פון א גייסטיגען קאמף, וואס איז געווען אפ־געטריבען דורך א היילינען צארטען גלויבען אין א נאציאנאלער ווידערבאלעבונג, פון א גרויסער היסטארישער האפנונג אויף דעם צוריקקעהר אין ארץ ישראל.

פארוואָרפענדיג די רעזולטאטען, צו וועלכען דער גייסטיגער קאמף, מיט זיין איבערנאטירליכען משיח־גלויבען, האט געפיהרט, האבען מיר אויך פארלייקענט דעם הייליגסטען צארטען גלויבען פון דעם אידישען פאלק, זיין גרויסע היסטארישע האפנונג און אנגע־הויבען קעמפען פאר דער אלגעמיין־מענשליכער ווידערגעבורט פון די אידישע פאלקס־מאסען.

אבער וואקסענדיג גייסטיג אין אט דעם קאמף, עראבערענדיג איין אידעען־שטח נאך דעם אנדערען, האבען מיר מיט דעם פועלי־ציוניזם אפגעשלאסען א קרייז, וואס האט אונז ווידער געבראכט צו דעם מקור פון דעם אידישען לעבען. אין דעם פועלי־ציוניזם האַ־בען מיר זיך ווידער צונויפגעגאסען מיט דעם לעבענסשטראם פון דעם גאנצען פאלק, מיט זיין גרויסער היסטארישער האפנונג אויף ארץ ישראל.

אויף אזא אופן האבען מיר א רעכט צו באטראכטען דעם פועלי־ציוניזם, ווי דעם לעצטען גרעסטען עטאפ אין דער אנטוויקלונג פון דעם אידיש־סאציאליסטישען געדאנק. דעם לעצטען דערפאר, ווייל ער איז דער לאגישער אפשלוס פון אן אנטוויקלונגס־קרייז, וואס האט אונז געמוזט פריהער דערווייטערען פון דעם פאלק, כדי שפעטער צום סוף אונז ברענגען נאך נעהענטער צו איהם; דער אידעען־שטח פון דעם פועלי־ציוניזם פאלט שוין אין גאנצען צונויף מיט דער היסטארישער טענדענץ פון דעם אידישען פאלק.

דער גרעסטער און וויכטיגסטער עטאפ אין דער סאציאליסטי־שער אנטוויקלונג איז אבער דער פועלי־ציוניזם דערפאר, ווייל איז זיין מאדערנער געשטאלט נעהמט ער אין זיך אריין אלע פונדאמענ־טאלע אמת'ן פון אלע פריהערדיגע עטאפען: סיי די אמת'ען פון

דעם אסימילאטאריש־קאסמאפאליטישען פעריאד מיט זיין שטרע־
בען צו די אלגעמיין־מענשליכע אידעאלען און דעם אלגעמיין מענש־
ליכען פראגרעס, סיי די אמת'ען פון דעם גלות־נאציאנאליזם מיט
זיין קאמף פאר דער אידישער עקזיסטענץ און גייסטיגער אנטוויק־
לונג אומעטום אויף דער גאנצער וועלט, סיי די אמת'ען פון דעם
טעריטאריאליזם מיט זיין מאדערנעם גרויסען קוק אויף די אויפ־
גאבען פון א אידישער פרייער רעפובליק, סיי אויך יענעם צענט־
ראלען אמת פון דער גאנצער אלטער פרום־נאציאנאלער אידישער
וועלט, וואס איז געווען די נשמה פון איהר נשמה: דעם גלויבען
אין ארץ ישראל.

געוויס, ווייל איך דערמיט זאגען, אז נאר יענער קאן אריינטרע־
טען אין אונזער פארטיי און אז נאר ד ע ר געהערט פאקטיש צו
איהר, וואס האט אליין דורכגעמאכט אלע אנטוויקלונגס־עטאפען
פון דער אסימילאציע ביז צו דעם מאדערנעם פועלי־ציוניזם.

א פועלי־ציון קאן ווערען אפילו יעדער בית־מדרש איד, וואס
בלייבט אין זיין אלטער אידישער פרומקייט און ווערט אן איבער־
געגעבענער אנהענגער פון דער אינטערנאציאנאלען סאציאליסטי־
שען אידעאל: רעליגיע איז פריוואט־זאך און מיר פרעגען ביי קיי־
נעם ניט, אין וועלכער אמונה ער גלויבט.

מען קאן אויך גלייך פון דער אסימילאציע אריבערשפרינגען
אלע אנטוויקלונגס־עטאפען און ניט דורכמאכען דעם שווערען פראָ־
צעס פון ערא‏בערן איין פאזיציע נאך דער אנדערער און דערגריי־
כען די העכסטע הויך פון דעם נאציאנאל סאציאליסטישען געדאנק.

מען קאן אויך פון דעם גלות־נאציאנאליזם זיך גייסטיג ארי־
בערפעקלען גלייך אין דער קאנקרעטער ציוניסטישער טעריטאריע
און ניט דורכמאכען דעם וואלקען־ארטיגען צושטאנד פון ארומשוויי־
מען אין די הויכע הימלען און פון דארטען אויסקוקען די אויגען
אויף א טעריטאריע.

מען קאן אויך פון דעם א ל ג ע מ י י נ ע ם ציוניזם ארי־
בער צו אונז, ווען מען גיסט צונויף יענעם ריין נאציאנאלען אידעאל

מיט די פאָדערונגען און די האָפענונגען פון דעם אידישען סאָציאַ־ליזם.

עס קאָן אויך זיין, אז ניט יעדער פועלי־ציוניסט, וועט אין א גלייכער מאָס אָפּשעצען יענע ע ר א ב ע ר ו נ ג ע ן , וועלכע דער אידיש־סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט געמאכט אין אַלע זיינע איינצעלנע עטאַפּען.

אָבער פאַר יעדען פועלי־ציוניסט זענען יענע עראָבערונגען א ב ל י ג א ט א ר י ש . ער מוז העלפען דער פּאַרטיי אויסקעמפען זיי און אָפּהיטען זיי ; אז ניט קאָן ער ניט באַלאַנגען צו אונזער פּאַרטיי.

דער פרומער איד קאָן אפשר ניט שטאַרק נתפעל ווערען פון דעם פרייען געדאַנק ; ער קאָן אפשר גלויבען, אז פאַרלאָזען זיך אויף דעם רעליגיעזען אויטאָריטעט איז א סך א זיכערער וועג צו דעם מענשענס גליק, איידער דאָס ריין מענשליכע פאָרשען און זוכען. אָבער ער מוז, אויב ער וויל זיין מיט אונז, זיין מוכן ומזומן צו קעמ־פען פאַר די ר ע כ ט פון דעם פרייען פאָרשען און זוכען, פאַר די ר ע כ ט פון יעדען איינעם צו גלויבען אין וואָס ער וויל.

דער אחד־העם׳יסטישער ציוניסט, וואָס איז געוואָרען א סאָ־ציאַליסט און געפינט זיך אין אונזער פּאַרטיי, קאָן אפשר זיין צו־פריעדען מיט דעם, וואָס א קליינענקער פרייער ווינקעלע אין ארץ־ישראל וועט פאַרזיכערען די אַנטוויקלונג פון דער איהם טייערער „יהדות“. אָבער ער איז פאַרט פ א ר פ ל י כ ט ע ט צו פּאַרטיי־דיגען אונזער ט ע ר י ט א ר י א ל י ס ט י ש ע ן בליק אויף דעם ציוניזם, אונזער בליק און אונזער שטרעבען, אז דער ציוניזם זאָל ווערען דער בולער ט ע ר י ט א ר י א ל ע ר ענטפער אויף דער א י ד י ש ע ר פראַגע, אויף דער „ש א ל ת ה י ה ו ד י ם “, ניט נאָר אויף דער „שאלת היהדות“.

דער העברעאיסט וועט געווים וועלען, אז יעדער איד זאָל רע־דען נאָר העברעאיש ; דער אידישיסט וועט געווים זיין פאַראינטע־רעסירט, אז יעדער איד זאָל רעדען נאָר אידיש. אָבער זייביידע זענען פ א ר פ ל י כ ט ע ט צו האַלטען זייערע שפּראַך־אידעאַ־

לען אין יענע גרענִיצען, וואָס וועלען דיקטירט דורך די פאָדערונגען פון פּ ע ר ז ע נ ל י כ ע פ ר י י ה י י ט א ו ן ד ע מ אָ ־ ק ר א ט י ע.

און אזוי איז דאָס מיט י ע ד ע ר עראָבערונג פון יעדען איינצעלנעם עטאפּ. צי מען האָט זיי אליין דורכגעמאכט אָדער ניט; צי מען שעצט זיי אלע גלייך הויך און נויטווענדיג, אָדער יעדער איינער טראָגט אריין זיינע אינדיווידועלע מיינונגען אין דער אָפּ־שעצונג פון זייער באַדייט און ווערט, — ז י י א ל ע ז ע נ ע ן ד י נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג ע י ס ו ד ו ת, אויף וועלכע עס איז אייפגעבויט אונזער פארטיי־פּראָגראַם, א ו ן ד י ג א נ צ ע פ אַ ר ט י י איז זיך מתחייב צו פארטיידיגען י ע ד ע ן יסוד, אייב ער ווערט ערנסטליך אוועקגעשטעלט אין געפאהר.

אויך דאָס וויל איך בשום אופן ניט זאָגען, אז אין דעם פועלי־ציוניזם האָט דער אידיש־סאָציאליסטישער געדאַנק דערגרייכט די העכסטע שטופע פון אנטוויקלונג און פאָלקאָמענהייט. יאָ, מיר זע־נען נאָך גאַנץ ווייט פון דער העכסטער שטופע און פון דער פאָל־קאָמענהייט!

דער פועלי־ציוניזם איז נאָר די לעצטע עראָבערונג, די גאַנץ־מאכונג פון יענעם גייסטיגען שטח, אויף וועלכען ער דאַרף ערשט אויפגעבליהט ווערען דער אידישער סאָציאליזם, אויף וועלכען עס דאַרפען ערשט דורכגעפיהרט ווערען אלע יענע אויפגאַבען, וואָס שטאַמען פון אלע זיינע עטאַפּען.

אין דעם עראָבערונגס־פּראָצעס איז אמת פילעס אויפגעבויט געוואָרען, אָבער אויך ניט ווייניג חרוב געוואָרען, און נאָך מעהר לאַנד וואַרט נאָך אויף דער ערשטער באַארבייטונג.

אָבער דאָס ווערט קלאָר פון דער גאַנצער אנטוויקלונג פון דעם אידיש־סאָציאליסטישען געדאַנק, אז דער ווייטערדיגער בוי פון דעם אידישען סאָציאליזם, זיין וואַקסען און שטאַרק ווערען, ווי א פּראָג־רעסיווע מאַכט אין דעם אידישען פאָלק פאַר דאָס אידישע פאָלק, קאָן פון איצטער אָן געשעהען נאָר אויף דעם באָדען פון דעם מאָ־דערנעם פועלי ציוניזם.

און וואָס גיכער דער אידישער סאָציאַליזם וועט דאָס איינזעהען, וואָס א גרעסערע צאָהל פון אידישע סאָציאַליסטען און ארבייטער וועלען זיך אָנשליסען אָן אונזער פּאַרטיי, אַלץ שטאַרקער וועט ווערען אונזער פּראָגרעסיווע מאכט און ראַליע אין דעם לעבען פון אונזער פאָלק, אַלץ נעהענטער וועט קומען די צייט, ווען אונזער פאָלק וועט ווידער ווערען א באַדייטענדע קראַפט אין דער אנטוויקלונג פון דער מענשהייט און אין דעם אויפבוי פון דער אלוועלטליכער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

ענדע.